UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

## Title
Kheshbn No. 119- Spring 1992 - Journal

Permalink
https://escholarship.org/uc/item/35z354xs

Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 119(1)

Publication Date
1992

Copyright Information
Copyright 1992 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

פעריאָדשע שריפט פאַר ליטעראַטור
און געזעלשאַפטלעכע ענינים

# 119

SPRING
1992

פרילינג
תשנ״ב

ארויסגעגעבן פון:

- לאָס אַנדזשעלעסער יידישן קולטור־קלוב און שרייבער־קרייז

מיט דער מיטהילף פון:

- ל.א. קאונסיל פון ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד
- אַרבעטער רינג קולטור־צענטער אין ל.א.

## "פערנאַנדאָ כענאָ פאָנד" אינפאָרמירט

מעקסיקאָ סיטי. נאָכן פאַרטיילן די ליטעראַרישע פרייזן פאַרן יאָר 1990 האָבן מרס. ר אָ ס י ט אַ כ ע נ אָ און איר משפּחה, פּאַטראָן פונעם "פערנאַנדאָ כענאָ פאָנד" אין מעקסיקע, ווי אויך די זשורי און פאָרזיצער פון דער קאָמיסיע ביים יידישן צענטראַל־קאָמיטעט אין מעקסיקע באַשלאָסן צו פאַרגרעסערן די באַשטימטע סומע ביז 6000 דאָלאַר, וואָס וועט פאַרטיילט ווערן צו צוויי שרייבערס, וועלכע וועלן צושיקן זייערע ביכער אין שפּאַניש, צו צוויי – אין יידיש, און צוויי אין העברעיש.

אין משך פון יאָר 1991 האָט די זשורי דערהאַלטן 35 ביכער און צוגעטיילט פינף פרייזן בעת אַ פייערונג געווידמעט דעם פאַרשטאָרבענעם נאָבעל־פרייז געווינער י. באַשעוויס זינגער און דעם מעקסיקאַנער אינטעלעקטואַל סאַל לאָקער.

די פייערונג איז דערעפנט געוואָרן דורך מר. ס י י מ אָ ן נ י ס ן, פאָרזיצער פון יידישן צענטראַל־קאָמיטעט אין מעקסיקע און איז אָנגעפירט געוואָרן דורך מר. ס ע ר ג י אָ נ ו ד ע ל ש ט י י ע ר, פאָרזיצער פון דער קאָמיסיע פונעם אינטערנאַציאָנאַלן ליטעראַרישן פרייז "פערנאַנדאָ כענאָ", וועלכער האָט געמאָלדן וועגן דער פאַרגרעסערטער סומע און אויך גערעדט וועגן די פרעמירטע ביכער. פּראָפ. ב ע ל אַ ז אַ ב ל ו ד אָ וו ס ק י האָט גערעדט וועגן לעבן און שאַפן פון י. באַשעוויס זינגער און מרס. ח י י ה ט אָ ר ע נ ב ע ר ג האָט געלייענט אַן עסיי געווידמעט דעם אָנדענק פון פּראָפ. סאַל לאָקער – אַ פּיאָנער אין פילאָסאָפיע, ליטעראַטור און דערציונג־וועזן פון יידישן ישוב אין מעקסיקע. אַ ספּעציעלער דיפּלאָם איז דערלאַנגט געוואָרן זיין אלמנה און זין.

ווי שטענדיק, אין משך פון די פאַרגאַנגענע 15 יאָר, האָט אַ מיטגליד פון דער כענאָ־משפּחה, דאָס מאָל מרס. מ אַ ל ו ו י ן ט ש אַ ר אַ ט י פ ס ק י, דערמאָנט איר פאָטער פערנאַנדאָ כענאָ, וועלכער איז געשטאָרבן אין 1975. ער איז געווען פאָרזיצער פון יידישן צענטראַל־קאָמיטעט אין מעקסיקע און אַלע מאָל געוואָלט אָנערקענען דורך אַ פרייז די שאַפונגען פון יידישע שרייבערס אין שפּאַניש, יידיש און העברעיש.

מרס. טשאַרטאַריפסקי האָט באַגריסט די זשורי און די אַלע וואָס האָבן דערמעגלעכט די 15 יאָר אַרבעט פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן ליטעראַרישן פרייז. זי האָט אויך געמאָלדן די באַדינגונגען פונעם פרייז פאַר 1992. ביכער אין שפּאַניש, יידיש און העברעיש וואָס זענען דערשינען אין 1990 און 1991 דאַרפן צוגעשיקט ווערן ביזן 30־סטן אויגוסט ד.י. דער אַדרעס איז:

PREMIO LITERARIO INTERNACIONAL
"FERNANDO JENO"
COMITE CENTRAL ISRAELITA DE MEXICO.A.C.
COFRE DE PEROTE 115
LOMAS BARRILACO 11010
DELEGACION MIGUEL HIDALGO
MEXICO.D.F.

# דער ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד

- איז אַ קאָנסטרוקטיווער כוח אין יידישן לעבן אין אמעריקע. דעם פאַרבאַנדס אַרבעטער־ציוניסטישער פּראָגראַם שליסט איין:
- אָנטייל אין אַלע אַקטיוויטעטן וואָס שטאַרקן דעם פּאָליטישן, עקאָנאָמישן און זיכערקייט־פּראָגראַם פון מדינת ישראל;
- שטאַרקן דעם כוח פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטער־באַוועגונג אין ישראל - די הסתדרות העובדים;
- העלפן דעמאָקראַטיזירן יידיש לעבן אין אַמריקע און זאָרגן פאַר דעם יידישן המשך;
- קעמפן פאַר אַ בעסערער אָרדענונג פון סאָציאַלן יושר און שלום אין אַמגריקע און אין דער גאַנצער וועלט.

דער פאַרבאַנד איז אַ פראַטוירנאַלע אָרגאַניזאַציע
וואָס זאָרגט פאַר דעם היינט און מאָרגן
**מיר לאַדן אייך איין אָנצושליסן זיך אין אונדזערע רייען**

ל.א. שטאָט־קאָמיטעט פון
**ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד**
**לואי סענענסיב, פּרעזידענט**

**LABOR ZIONIST ALLIANCE**
8339 West Third Street • Los Angeles, Calif. 90048
Telephone: (213) 655-2842



# HESHBON

*PERIODIC LITERARY REVIEW*

8339 West Third Street • Los Angeles, Calif. 90048



EDITORIAL BOARD:

**MOSHE SHKLAR**, Editor
469 N. Orlando, L.A., CA 90048

**ISRAEL GUBKIN**
Co-editor

ADMINISTRATIVE COMMITTEE:

**N. STEINMAN,** Financial Sec'y
12017 Goshen Ave., Apt. 7, L.A. CA 90049 - Tel: (310) 820-2976
**H. HIRSH**, Administrator
Members: M. COHEN N. GIEROWITZ, L. MEISNER & J. SHAFER



Subscription price: $8.00 per year

# אינהאַלט


משה שקליאַר: לידער ........ 3

שירה גאָרשמאַן: בענצקע שוויַיגט (דערציילונג) ........ 5

חנן קיעל: מאַרטין בובער (פילאָזאָפיע פון דיאַלאָג) ........ 8

רבקה באַסמאַן: ליד ........ 15

מאיר חרץ: לידער ........ 16

שמואל איזבאַן: נחמיה דער קוישן־פלעכטער (דערציילונג) ........ 19

דאָראַ ביירעק: ליד ........ 25

הינדע זאַרעצקי: לידער ........ 26

לילי בערגער: דער שטילער פליסטער פון פאַרבן ........ 28

מיכאל מירסקי: וועגן דער ליטעראַרישער קאָנצעפּציע פון נעאָ־קאָנסערוואַטיסט פּאָדהאָרעץ ........ 32

חנן קיעל: לידער ........ 36

עקיבא פישבין: פייזאַזשן פון מדבר ........ 39

חיים קעניגער: לידער ........ 45

לאָטי מלאך: ציע, ציעטשקע (דערציילונג) ........ 47

ישראל גובקין: ליד ........ 53

וו. מאָוואַ: אַ פּרעכטיקער אַלבאָם פונעם סקולפּטאָר מילבערגער ........ 55

גרוניא קאַהן: ליד ........ 57

זשאַק בורשטין פינער: צווישן זון און שאָטן (דערציילונג) ........ 58

יצחק קאַהאַן: אַרטור מילערס אויטאָביאָגראַפיע ........ 62

י. קאַראַ: טראָגן, האָבן און פרייַקע קינדער־יאָרן ........ 76

ישראל גובקין: שורות וועגן אַן אַקטועלער טעמע ........ 78

אָנגעקומען אין רעדאַקציע ........ 80

יעקב שייפער: כראָניק פון ל.א. יידישן קולטור־קלוב ........ 81

משה שקליאַר:
רעדאַקטאָר

ישראל גובקין:
מיטרעדאַקטאָר

# חשבון

נום. 119

פעריאָדישע שריפט
פאַר ליטעראַטור, קריטיק
און קולטור־פּראָבלעמען

פאַרוואַלטונג מיטגלידער:
נתן שטיינמאַן, פינ. סעקר.
צבי הירש, פאַרוואַלטער
נתן גערַאוויטש
משה כהן
לילקע מייזנער
יעקב שייפער

48־סער יאָרגאַנג, נומער 119 • פרילינג 1992 • לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפ.

**משה שקליאַר**

דערמאָנענדיק דעם 19טן אפּריל

## אין דרויסן פון געוועַן

די טיר האָט זיך געעפנט רויט
און כ׳האָב קיין זאַך נישט דערקענט
דער טויט האָט אַלצדינג אויסגערוימט
געבליבן בלויז אַ בילד אויף וואַנט
אין שפּינוועבס איינגערעמט
און פון דעם האָט זיך געשטרעקט
צו מיר אַן אָפּגעברענטע האַנט
גלייך זי וואָלט געוואָרנט
נישט טרעט אַריבער אָט די שוועל
עס איז נישט מער דיין שטוב דיין וועלט
בלייב אויף יענער זייט
אין דרויסן פון געוועַן
גיי צוריק
גיי צוריק
צום אָנגעגרייטן זאַטן טיש
צו וואַרעם בעט
צו ווייב און קינד
פ אַ ר ג ע ס

נאָר איך קום ווידער דאָרט אַהין
אַ יעדע נאַכט
און וואַרט מיט אומגעדולד
ביים שוועל

# אין ערב פון פאַרגיין

כ׳בין נאָך אַ מאָל געווען מיט אייך
אין ערב פון פאַרגיין,
די גאַנצע וועלט האָט אויסגעזען אונדז
גרויס אַזוי און קליין,
אַ קיילעכל וואָס קייקלט זיך –
אַ קיילעכל, אַ קויל.
ערגעצווו איז פרייד פאַראַן
און ערגעצווו איז גרויל,
און מיר, מיר זענען אין דער מיט...
ווילסטו, קאָנסט די פרייד דערגרייכן,
גענוג איז בלויז אַ ליד, אַ שמייכל,
גענוג בלויז אַ באַריר.
און די גרוילן?
ווי און ווינד מיר,
זיך אָנגערוקט פון אַלע זייטן –
שוואַרצע כמאַרעס, שוואַרצע הימלען
געקומען זענען אונדז באַגלייטן
ביז צו אַלע שוואַרצע גריבער.

ווער פון אייך איז זיי אַריבער?

***

עס טוט מיר אַזוי ווי
דאָס שווייגן פון דער נאכט,
איך זאָל אַ פיפס כאָטש הערן –
ניין און ניין...
איך הער בלויז זיך אַליין
און מער נישט קיינעם.
צי בין איך טאַקע בלויז געבליבן
איינער
נאָכן מבול
און וועל קיין מאָל
נישט דערשווימען
צו מיין ארדט?

שירה גאָרשמאַן / אשקלון

# בענצקע שוויַיגט

## (דערציילונג)

ריווע־גיטל האָט איר מאַן הירשן גאָרניט געזאָגט, נאָר אין האַרצן האָט זי זיך געוווּנדערט: "אַזאַ גרינגער טראָגן, אַלץ, וואָס איך וויל עס איך, אַלץ איז מיר באַטעמט, אַלץ צעגייט אין אַלע גלידער, ניט אַזוי ווי דאַמאָלסט, ניט פּאַר קיינעם געדאַכט. פון אַלץ האָט געקערט די גאַל, סײַדן אַ זויערע אוגערקע, און איצטער בין איך, קיין עין הרע אַ געראַטעוועטע, אפשר וועט, די הענט ניט געוואַשן, רחמנות האָבן אויף מיר, און דאָס וועט... ניט זײַן קיין פּערטע מיידל."

אַז ס'איז געקומען די געבענטשטע שעה, האָט הירש אַרײַנגערופן די באָבע מלכה און אַליין געמאַכט אַ "ויברח", וואָרעם נאָך אַ מאָל אויסהערן ווי די באָבע מלכה וועט אים אָנזאָגן, אַז ער האָט אַ פּערטע טאָכטער איז געווען איבער זיינע כוחות. ס'איז אַ געלעכטער צו זאָגן, נאָר ער איז אַנטלאָפן פון שטעטל אַזש ביז דער לאָנקע, ווו מען פּיטערט די קי, געשפּאַנט פּאַרביי יעראָנימען דעם פּאַסטוך, און ניט געהערט וואָס יענער פרעגט בײַ אים, הירשן. ער האָט זיך אַרומגעדרייט און ניט געוווּסט אויף וואָס פּאַר אַ וועלט ער איז און האָט פּאַרשטייט זיך, פּאַרשפּעטיקט, ריווע־גיטל איז שוין איבערגעקומען, זיך געבעטען בײַ מלכהן:

– מלכהלע קרוין, קוקט גוט, ס'קאָן דאָך ניט זײַן, איך האָב קיין מאָל ניט געהאַט קיין ייִנגל.

– שווײַג ריווע־גיטל, כ'האָב אַלץ געזען, און אַפּילו אָנגעטאַפּט, נאָר אַלץ איז פּיטשינקע, אַן אַרבעס די גרייס.

גראָד בײַ די ווערטער האָט אַרײַנגעשפּאַנט הירשל. די באָבע מלכה האָט אים גוט באַגעגענט.

– וואָס האָסטו געמאַכט פּליטה, שמשון הגיבור? אַלע זײַט איר אויף איין מאָס געמאָסטן, איר טוט וואָס עס גליסט זיך און ציט־פּיס... האָסט אַ קדיש אויף אַלע ייִדן געזאָגט געוואָרן, כ'גיב אים אויף טרפות העכער צוועלף פונט. וואָרעם אָן וואַסער, שטעל צו א מילכיקע האָבערנע קלײַען־גריץ, און גיי צו דײַן ווײַב, גיב אַ קוק, ס'איז ניט גרינג אָנגעקומען...

דער ברית איז געווען אַן אמתע חתונה. חייקל דער בדחן האָט זיך געווערטלט. די אומות זאָגן אַז מען דאַרף זיבן מאָל אָפּמעסטן, מיר שנײַדן וואָס מען דאַרף און מע מעסט ניט. דערבײַ האָט ער אָפּגערוקט פון דער באָבע מלכה אַ פּאָלמיסיק מיט געהאַקטע לעבער.

– רוק צו צו מיר, דאָס קינד איז ניט אַרויסגעפלויגן, כ'האָב גוט געשוויצט – און זי האָט טאַקע פּאַרטיק געמאַכט דעם פּולמיסיק לעבער פון ברעג ביז ברעג. מע האָט אים אַ נאָמען געגעבן בענצקע, פּאַרצויגן פון בן ציון. ער איז קיין עין הרע געוואַקסן ווי אויף הייוון. ריווע־גיטלס טאַטע, דער זיידע עליע, וואָס האָט געהאַט סמיכות אויף רבנות, האָט אַליין געלערנט מיט בענצקען. צו פינף יאָר האָט דאָס קינד געקענט חומש און האָט שוין געלייענט עברי ווי אַ וואַסער, דער זיידע האָט געזאָגט צו זײַן טאָכטער:

"דאָס קינד האָט אַן אייזערנעם קאָפּ, זאָלסט קוקן אויף אים מיט הונדערט אויגן, זאָלסט אים ניט אַרויסלאָזן פון דער האַנט, פאַרשטייסט וואָס איך זאָג דיר?"

אַזוי איז טאַקע געווען, דער זיידע, דער רבּ, האָט נאָך ניט באַוויזן צו זאָגן, און בענצקע האָט שוין געכאַפּט דעם תּמצית. די צײַט איז געגאַנגען און אָט איז שוין בענצקע אַ בר־מצווה ייִנגל. דער זיידע זאָגט צו אים שטיל און ערנסט: "זונעלע, ליכטיקייט פון מײַנע אויגן, דו קאָנסט דרשענען וואָס דו ווילסט, נאָר די בעסטע זאַך וועט זײַן, אַז דו וועסט זאָגן וואָס דו ווילסט, ווי גאָט וועט דיר אונטערזאָגן, אָבער מיט דײַן שׂכל". און בענצקע האָט געזאָגט. ער האָט זיך אַרויפגעשטעלט אויף אַ בענקל, און אָנגעהויבן אַזוי צו זאָגן: דער חכם און בעל הרחמים זיצט זיך אַזוי אין זײַן געצעלט, פאַרטיפט אין דער תּורה, זעלטן פליט אים דורך אַ געדאַנק, הלוואי זאָל כאָטש קיינער ניט אַרײַנגיין, ס'איז אַ מחיה זיך צו דערגראָבן צו דער טיפער חכמה פון די הייליקייטן. און אַזוי ווי ער טוט אַ טראַכט בייגט זיך אָפּ דאָס געצעלט, און ס'גייט אַרײַן אַ מענטש, שטעלט אַוועק אַ טאָרבע אויף דער ערד, ווישט אָפּ דעם שווייס, באַלד האָט זיך דער תּלמיד חכם אויפגעהויבן, געגעבן דעם אורח וואַסער, און דערנאָך געגעבן אייל די פיס צו באַשמירן, און אויך געגעבן דעם אורח צו עסן, און נאָכן עסן האָט זיך דער אורח געלאָזט צום ארויסגאַנג פון געצעלט.

– רבּ אורח, איר האָט פאַרגעסן אײַער טאָרבע – טוט יענער אַ זאָג. ס'מאַכט ניט אויס, כ'וועל־ווי־ניט־איז פאַרקערעווען צון אײַך. געזאָגט, און ניט מקיים געווען. דער תּלמיד חכם האָט שוין דרײַ מאָל געזייעט און געשניטן די גערשטן־קערנער, וואָס דער אורח האָט פאַרגעסן אין זײַן טאָרבע, און ער טראַכט זיך בײַ דעם: "איך האָב שוין ניט וווּ צו שיטן, אַזאַ גערעטעניש, און ער קומט ניט". אַזוי זענען אַוועק גאַנצע דרײַ יאָר, אָבער יענער איז מיט אַ מאָל געקומען, און דער "בעל הרחמים" האָט אים געפרעגט: ווו זענען דײַנע אייזלען, מיט דײַנע קעמלען, דו האָסט דאָ אַ סך תּבֿואה. און ווי נאָר דער "בעל הרחמים" האָט אויסגערעדט זײַנע ווערטער, איז דער אורח פאַרשוווּנדן און ער איז ניטאָ. האָט דער למדן שוין פאַרשטאַנען, מיט וועמען ער האָט צו טין, און ער האָט אַ טראַכטן געטאָן: "קומט אויס אַז מען טוט גוטס, טוט מען דאָס פאַר זיך!...

דאָס וואָס בענצקע האָט דערציילט, איז אַלעמען אַזוי געפעלן געוואָרן, אַז מע האָט מיט גרויס חשק געגעסן און געטרונקען, און אָנגעווינטשן אַ מאַיאָנטעק מיט גוטס ריוועגיטלען, פאַרשטייט זיך, דעם זיידען רבּ עליען אויך. ס'איז געווען אַ שׂמחה, אַז מע האָט זי געהאַט צו גדענקען.

בענצקע איז געוואַקסן אין צוואַנציקסטן יאָר פון אונזער יאָרהונדערט, געלערנט ניט נאָר בײַ זײַן זיידען רבּ עליע, "פון זיך אַליין", ווי מען האָט געזאָגט. זיך געלערנט דײַטש, אפילו פראַנצויזיש אַ ביסל, וועגן רוסיש איז אָפּגערעדט, און ס'איז געקומען די צײַט, אַז ער האָט אַ ביסעלע אַליין גענומען שרײַבן בשתיקה. ס'איז געקומען דער פערציקסטער יאָר, און ער דאַרף זיך צום מיליטער שטעלן, די מאַמע און דער טאַטע האָבן געזאָגט אַז ער זאָל עפּעס מאַכן. לייזער דער מומחה האָט געקענט עפּעס מאַכן, נאָר בענצקע האָט זיך אָפּגעזאָגט: בעסער גאַנצערהייט דינען, איידער זיצן אַ קאַליקע אין שטוב. און אין איין און פערציקסטן יאָר, ווייסן אַלע, וואָס ס'איז געווען. די ליטווישע פאַשיסטן זײַנען זיך באַגאַנגען אָן דײַטשן, זיי האָבן אַליין ריין געמאַכט די יידישע שטעטלעך פון יידן, און זײַנען געוואָרן די יורשים פון יידישע פאַרמעגנס. פון

דער גאַנצער משפּחה איז געבליבן נאָר מירעלע, די ייַנגסטע שוועסטער בענצקעס, וואָרעם זי איז געווען בײַ אַ מומען צו גאַסט, און די מומע האָט געקאָנט אַרויסוואַנדערן פון ליטע. ניט איין מאָל האָט מירעלע געטראַכט: "ווי קאָן דאָס געמאָלט זײַן, אַז בענצעלע זאָל שווײַגן, אַזאַ צוגעקאָכטע זאַך, אַזאַ געטרײַקייט, אַזאַ איבערגעגעבענער, אַזאַ געטרײַער ברודער, סײַדן ער איז מיט אַ סך מענטשן אַוועק ערגעץ אין די אויסלאַנדן, דאָרט האָט ער מן הסתם חתונה געהאַט מיט אַן ארורה, און זי לאָזט אים ניט זוכן די שוועסטער. אַזוי האָט מירעלע געטראַכט.

טרעפט אַנומלטן, שבת צו נאַכטס, מירעלע זיצט בײַ איר חברטע, בײַ ראָזע גרינבײַן, וואָס האָט זיך געראַטעוועט פון דעם נײַנטן פאָרט. ס'איז געקומען אויך לייבע מירוויס. ניט איין מאָל האָט ראָזע געזאָגט צו מירעלען: לייבע איז אַזאַ ווילער מענטש, זײַן ווײַב און צוויי קינדער זײַנען געבליבן אומגעקומען אין פּאָנאַר, איך זאָג אײַך, אַז ס'איז אַ גלײַכע זאַך. מירעלע פלעגט אַ דריי טאָן מיטן קאָפּ און שווייגן. דאָס מאָל האָט ראָזע גאָרניט געזאָגט. מע איז געזעסן, געטרונקען טיי מיט היימישע קיכעלעך, און געמיטלעך געשמועסט וועגן אַזעלכע וואָכעדיקע זאַכן. פּלוצעם האָט לייבע אָפּגערוקט פון זיך די גלאָז, און פאַרביטערט אַרויסגעבראַכט:

– מיר פאַרגעסן ניט, אָבער וויפל מע זאָל ניט געדענקען, און וויפל מע זאָל ניט ריידן, וואָס די ליטווינער, די פאַשיסטן האָבן אָפּגעטאָן. עס זײַנען דאָך געווען אַ סך יידישע ייִנגלעך אין דער ליטווישער אַרמיי. ווען די דײַטשן האָבן אָנגעהויבן צו באָמבאַרדירן קאַונאַס, האָבן די עלטערע אָפיצירן אַרויסגערופן אַלע יידישע סאָלדאַטן, פאַרשטייט זיך אָפּגענאַרט זיי, געהייסן זיי אַוועקלייגן דאָס געווער, ווייל מען וועט זיי געבן אַנדערע, וואָרעם די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן. און ווען די אומגליקלעכע האָבן דאָס געוועהר אַוועקגעלייגט, זײַנען זיי אַרומגעריגעלט געוואָרן דורך עטלעכע ראָטעס ליטווינער פאַשיסטן, און מען האָט זיי אַלע אין שאַנץ דערשאָסן, אין שאַנץ לעבן וועלדל, דאָרט זײַנען זיי געבליבן ביז איינעם.

אוי וויי איז מיר, האָט מירעלע אויסגעשריגן, און געפאַלן אין חלשות. ווען מען האָט זי אָפּגעמונטערט, איז זי גלײַך אַוועק. זי האָט קיין וואָרט ניט געזאָגט, וואָרעם זי האָט שוין גוט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס בענצקע האָט זי ניט געזוכט.

---

אַבאָנירט און שטיצט

חשבון

די איינציקע יידישע צייטשריפט און די מערב-שטאַטן פון אַמעריקע

אַנאָנאַמענט: $8.00 אַ יאָר

חנן קיעל / ניו־יאָרק

# מאַרטין בובער

## (פילאָזאָפיע פון דיאַלאָג)

אין די קרייזן פון דער יידיש־רעדנדיקער אינטעליגענץ אין פוילן איז דער איינפלוס פון מאַרטין בובערס השקפות געווען אומבאַדייטיק, און פאַר געציילטע יחידים איז זיין אַרט דענקען געווען אַנדערשטיק. זיין עקזאָטישער אויסזען, זיינע פּאָעטישע מעדיטאַציעס און מחשבות, די פילאָזאָפיע פון דיאַלאָג און זיין באַגייסטערטער אויסטייטש פון חסידיזם איז פון דעסטוועגן געווען אַן אַטראַקציע. בובער איז אויך געווען אַ ציוניסטישער מנהיג נאָך בימי הערצל און אחד העם, אַ גרויסער אָנהענגער פון אהרון דוד גאָרדאָן און פון די קיבוצים. ביי די דייטש־עסטרייכישע יידן איז בובער געווען פאַרערט, אָבער ער האָט נישט אַפּעלירט צו דער יידיש־פוילישער און מזרח־אייראָפּעישער מענטאַליטעט.

אין אונדזער יאָרהונדערט פון מלחמות, רעוואָלוציעס און פּאָגראָמען האָט דאָמינירט די פילאָזאָפיע פון זאָרג פאַרן יידיש־מענטשלעכן קיום, וואָס איז געווען אָפּגעשפּיגלט אין די ווערק פון אחד העם, באָראָכאָוו, מעדעם, זשיטלאָווסקי א.א. ס'האָט געוועלטיקט דער איינפלוס פון היסטאָרישן מאַטעריאַליזם. בובערס השקפות זענען אין קאָנטראַסט צום מאַרקסיזם, וואָס האָט איגנאָרירט די ווירקונג פונעם יחידס ווילן אויף דעם פּראָצעס פון ברענגען אַ בעסערע וועלט.

בובערס צוגאַנג צום חסידיזם איז אפשר געווען אַ רעוועלאַציע פאַרן דייטשן ייד, אָבער נישט פאַר די פויליש־גאַליצישע יידן.

בובערס וועג צו זיין פילאָזיפיש־פּאָעטישן קרעדאָ פון "איך־דו" האָט זיך געצויגן פון זיין קינדהייט ביזן סוף פון זיין שאַפעריש לעבן. אַן עוואָלוציע וואָס האָט פאַרבונדן די וועלט פון געדאַנק מיטן לעבן. זיין געזעלשאַפטלעכע אַקטיווקייט אַלס ציוניסט, זיין אַנטפּלעקן דעם מיסטיציזם, דעם קאָליריקן "איך" (ער האָט זעלטן געניצט דאָס וואָרט "עגאָ"); זיינע דיסקוסיעס, בריוו־אויסטויש, עסייען, פּאָעמעס, דערציילונגען, ליטעראַריש־פילאָזאָפישע ווערק זענען אַן אוצר אין אונדזער קולטור־ירושה פאַר די קומענדיקע דורות.

- 1 -

מרדכי־מאַרטין בובער איז געבוירן געוואָרן אין ווין 1878. ווי ס'דערציילט זיין נאָענטער פריינד, סטעפאַן צווייג, האָט ער פאַרבראַכט זיין קינדהייט ביים דונאַי־טייך. דער טאַטע, קאַרל בובער, איז געווען אַ לאַנד־באַזיצער אינטערעסירט אין אַגריקולטור. זיין מוטער איז פאַרשוונדן אָן אַ שפור, ווען דאָס קינד איז אַלט געווען דריי יאָר. ער ווערט דערצויגן ביים זיידן אין לעמבערג. זיידע־באָבע האָבן אויסגעמיטן צו רעדן וועגן דער סעפּעראַציע פון מאַרטינס עלטערן, אָבער ער האָט אונטערגעהערט, אַז זיין מאַמע וועט מער נישט צוריק קומען. די טראַוומאַ האָט אים באַגלייט אין לעבן: זיין בענקען זיך צו פאַראייניקן מיטן אייביק פאַרשוואונדענעם "דו".

זיין באָבע אַדעלע פון חסידישן שטעטל סאַסעוו איז געווען אַ מאָדערנע פרוי. הגם זי האָט געלעבט אין אַ חסידישער סביבה האָט זי געלייענט דייטשע ליטעראַטור און

אָנגעפירט מיט די געשעפטן. זי האָט פאַרן אייניקל געדונגען פּריוואַטע לערערס, דער זיידע האָט אים געלערנט תנ"ך, תלמוד, מדרש. שפּעטער האָט ער געלערנט אין אַ פּויליש־עסטרייכישע גימנאַזיע. ער האָט אויך פאַרבראַכט פון צייט צו צייט מיטן טאַטן אין זיין גוט. יידישע היימען אין גאַליציע האָבן גערעדט יידיש, די שולן – דייטש, די בתי תפילה, דאָס דאַווענען – העברעיש. ער ענדיקט דעם אוניווערסיטעט און הערט נישט אויף לערנען. ער איז געווען אַ קענער פון שפּראַכן: יידיש, העברעיש, דייטש, פּויליש, ענגליש, פראַנצויזיש, שפּאַניש, איטאַליעניש, האָלענדיש, לאַטיין און גריכיש. ער האָט באַקומען פיל־צאָליקע ערן־דאָקטאָראַטן, אויך פון דער סאָרבאָנע. זיין אינטערעסאַנטער אויסזען מיט דער באָרד האָט דערמאָנט אין ראַבינדראַנאַט טאַגאָרע, די באָרד האָט ער זיך געלאָזט וואַקסן צוליב זיין נישט־נאָרמאַל מויל פון געבורט. די פּאָעטעסע עלזאַ לאַסקער שילער האָט עס גערופן – משה רבינוס מויל.

הגם ער האָט גערעדט די דייטשע "קולטור־שפּראַך", האָט ער ליב געהאַט דאָס היימישע וואַרעמע יידיש, וואָס ער האָט גוט געקענט און וואָס האָט באַאיינפלוסט זיין מחשבה און סטיל. אגב האָט ער איבערגעזעצט אויף דייטש דוד פּינסקיס דראַמע אייזיק שעפטעל.

בובער האָט אָפּגעלייקנט די קאָנצעפּציע אַז יידיש איז אַ זשאַרגאָן אָדער דייטשער דיאַלעקט. ער כאַראַקטעריזירט מאַמע־לשון ווי אַ פענאָמען, אַ "Sui generis" וואָס האָט פון אַ פאָלקס אידיאָמאַטיק זיך אַנטוויקלט אין אַ שפּראַך, וואָס איז אינטימער און וואַרעמער פון העברעיש. הגם זיינע חסידישע מעשות זענען איבערדערציילט פון יידיש האָט ער זיך געסטאַרעט צו פּרעזערווירן דעם סטיל און צומאָל די ווערטער. "דער מזרח־איראָפּעישער יידיש האָט מיך אַנטציקט", זאָגט בובער. דער חילוק צווישן זיינע פריערדיק געשריבענע בעל שם־לעגענדעס און די שפּעטערע איז דאָס, וואָס די ערשטע זענען געווען עקזאַלטירטער, ראָמאַנטישער און לירישער און די שפּעטערע מער סאָפיסטיצירט, הומאָריסטיש אָדער דראַמאַטיש (לויט מ. פרידמאַן). דער זיידע סאָלאָמאָן איז געווען אַ תלמיד חכם, פאַרערט סיי ביי די חסידים סיי ביי די משכילים (מאַרטין בובערן האָבן פריינט גערופן סאָלאָמאָנידעס). דער טאַטע, קאַרל בובער, האָט געזאָגט וועגן זיך: איך בין דער זון פון אַ גרויסן טאַטן און דער טאַטע פון אַ גרויסן זון, (ווי משה מענדעלסאָנס זון פלעגט זאָגן). בובער האָט גערעדט אַ פּליסיקן פּויליש. ער האָט פּראָבירט איבערזעצן ניטשעס "זאַראַטוסטראַ" אין פּויליש, אָבער אַ באַרימטער פּוילישער שרייבער האָט באַוויזן עס פריער איבערזעצן. פאַר דער 2־ער וועלט־מלחמה איז ער פון העברעישן אוניווערזיטעט געשיקט געוואָרן קיין לאָדזש אויף אַ שליחות ווו ער האָט געדאַרפט מסתמא רעדן סיי פּויליש סיי יידיש.

לויט פּראָפעסאָר מאָריס פרידמאַן האָט זיין יידיש־מענטשלעכע דערציאונג באַווירקט זיין "איך־דו" פילאָזאָפיע, פון זיידן האָט ער גערשנט דעם "איך־דו" נאָענטקייט מיט גאָט; פון זיין באָבען, די בעלת צדקה – דעם איך־דו באַציאונג בין אדם לחברו; פון טאַטן –זיין איך־דו שיכות מיט דער נאַטור; רייטנדיק אין דעם טאַטנס מאַיאָנטעק אויף אַ פערד האָט ער דערפאַרן דעם "איך־דו" מיט גאָטס באַשעפעניש.

שטודירנדיק אין דעם קולטור־רייכן ווין, האָט ער איינגעזאַפּט אין זיך די פיל־קאָליריקייט פון דעם דייטש־יידיש־סלאַווישן אוניקום. אין יענער צייט האָט אַ ווינער זיך געפילט ווי אַ וועלט־בירגער. סטעפאַן צווייג האָט געשריבן אַז די

עסטרייכישע קולטור, ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט מוזיק האָבן געשאַפֿן יידן, צו דערמאָנען יאָהאַן שטראַוס. בובער איז געווען באַפֿריינדעט מיט סטעפֿאַן צווייג, אַרטור שניצלער, די פּאָעטן לודוויג שטראַוס, הוגאָ פֿאָן האָפֿמאַנשטאַל, בער האָפֿמאַן א.א. – כּמעט אַלע יידן. ער האָט פֿאַרערט דעם דיכטער סטעפֿאַן געאָרג מער נאָך פֿון רילקע. געאָרגס לידער האָבן באַאיינפֿלוסט בובערס צוויי פּאָעמעס: "דער תּלמיד" און "דער צויבערער". אָבער געטע איז געווען זיין מײַסטער־קלאַסיקער. אין מאָטאָ פֿון "איך און דו" האָט בובער אַריינגעשריבן געטעס אַ פֿערז: "און אַזוי וואַרטנדיק האָב איך פֿון דיר געוווּנען דעם ענד / גאָטס דאָיקייט אין יעדן עלעמענט". געטע איז פֿאַר אים געווען אַ מוסטער פֿאַרן "איך" לגבי דער נאַטור. אין איינער פֿון זיינע פּאָעמעס שרייבט בובער:
"דו פֿייניקסט זיך אָן אויפֿהער, / זוכסט און געפֿינסט נישט; / דער עול פֿון לעבן אַליין איז פֿאַר מיר / פֿרייד און פּאָעזיע".

ביזן סוף פֿון 19־טן יאָרהונדערט לערנט בובער אין לייפּציק, אין דער שווייץ. ער גיט לעקציעס וועגן לאַסאַל, ער לערנט קאַנט אין איז אַן ענטוזיאַסט פֿון ניטשעס "אַזוי זאָגט זאַראַטוסטראַ".

- 2 -

בובער איז געווען אַן אַקטיווער ציוניסט פֿון סאַמע בראשית, נאָך בימי הערצל. ער האָט פֿאַרהערלעכט משה העס, וואָס אין "רוים און ירושלים" זעט ער דעם סינטעז פֿון ציוניזם און סאָציאַליזם. ציוניזם איז געוואָרן אַ באַוועגונג פֿון יידישן רענעסאַנס. ער שרייבט ציוניסטישע לידער און פּאָעטישע פּראָזע. ער באַקענט זיך מיט דר. הערצל און אין געקריג צווישן הערצל און אחד העמס קולטור־ציוניזם און מרכז רוחני האַלט בובער מיט אחד העם. ער איז אויך געווען קעגן דעם אוגאַנדאַ־פּראָיעקט. אין יענער צייט האָט בובער חתונה מיט פּאַולאַ וואָס האָט זיך מגיר געווען און געוואָרן אַקטיוו פֿאַרן ציוניזם. זי אַליין איז געווען אַ דענקערין און שרייבערין. באַנאַנד מיט חיים וויצמאַן פּלאַנירט בובער אַרויסצוגעבן דעם זשורנאַל "דער יודע". ווען הערצל פֿאַרלאָזט די וועלט גיט ער אַן אַנאַליז וועגן זיינע פֿאַרדינסטן: הגם אַ מעריב ייד אָן טראַדיציע, איז הערצל אין אַ צייט פֿון קריזיס פֿאַרן יידישן פֿאָלק געווען דער אַקטיווער מאַן. מען קען הערצלען נישט פֿאַרגלייכן, שרייבט בובער, מיט אַזעלכע גרויסע יידן ווי דער בעל שם טוב, שפּינאָזאַ אָדער (דאָ מוז איך זאָגן להבדיל) לאַסאַל און היינע... בובער האַלט אַז אחד העמס ציוניזם האָט טיפֿערע און לאַנג־דויערנדיקע וואָרצלען, ווי הערצלס.

בובער איז געווען אַ צענטראַלע פֿיגור אין דײַטשן ציוניזם, וואָס איז ביזן היטלעריזם געווען אַנדערש פֿון מזרח אייראָפּעיִשן. אין אַ שמועס מיט בובערן וועגן ארץ ישראל האָט ראַבינדראַנאַט טאַגאָרע געראָטן די יידן זיי זאָלן זיך באַפֿרייען פֿון דער מעריב־קולטור. אין יענער צייט האָט דער מזרח־אייראָפּעיִשער חלוציזם געלייגט דעם חותם אויף דער פֿאַרווירקלעכונג פֿון ציוניזם. בובער, וואָס איז געווען נאָענט מיט גוסטאַוו לאַנדאַוערס אַנאַרכיסטישע און סאָציאַל־אוטאָפּישע אידייען, איז געווען באַגייסטערט פֿון קיבוצישן אידעאַליזם און פֿון אהרון דוד גאָרדאָנס רעליגיע פֿון אַרבעט. בובער איז געווען אַ פֿריינד פֿון אַרבעטנדיקן ציוניזם בכלל, אָבער דער אידעאַליסטישער גאָרדאָן אין ארץ ישראל איז פֿאַר אים געווען אַ מוסטער פֿון אַ ניי־געבוירן פֿאָלק.

אין דעם אָנגעווייטיקטן אַראַביש־יידישן קאָנפליקט האָט בובער געגלויבט אַז יידן דאַרפֿן העלפֿן די אַראַבישע שכנים צו דערגרייכן פּראָגרעס אָנשטאָט זיי צו אַנטאַגאָניזירן. אין זײַן קאָנצעפּציע וועגן יידיש־אַראַבישער איינהייט האָט ער קאָאָפּערירט מיט יהודה מאַגנעס פֿאַר דער אידעע פֿון אַ יידיש־אַראַבישן שטאַט, וואָס וועט ברענגען דערלייזונג פֿאַר ביידע פֿעלקער. די אוטאָפּיע האָט קיין מאָל נישט געהאַט קיין אויסזיכט צו ווערן ממשות.

אין בובערס ציוניזם איז שטענדיק פֿאָרגעקומען אַ געראַנגל צווישן חלום אוןווירקלעכקייט, ער האָט אויסגעמיטן דעם אויסדרוק נאַציע. הערמאַן קאָהען האָט געגלויבט אין יידישן אוניווערסאַליזם אונטערן דייטשן נאַציאָנאַליזם. פֿאַר בובערן איז ציוניזם – יידישע פֿאָלקישקייט, וואָס איר גייסט איז אַ וויכטיקער קאָמפּאָנענט פֿאַר דער מענטשהייט. אים איז געווען דערווידער די באַציאונג פֿון די דייטש־יידישע "יעקעס" צו די "אָסט־יודן". ער שרייבט אין זשורנאַל "דער יודע" (1916) אַרטיקלען "אימפּעריאַליזם און יודאַיזם" "ציון און שטאַט" קעגן יידישן נאַציאָנאַליזם, קעגן אַראַבישער אַרבעט פֿאַר יידן, ווייל דאָס לאַנד ווערט יידיש דורך יידישע אַרבעט. צו סטעפֿאַן צווייגן שרייבט בובער "אַז פּאַלעסטינע וועט נישט זיין קיין לאַנד פֿון מלחמה", ס'איז דאָך דאָס לאַנד פֿון אונדזערע נביאים. אין זיין עסיי "יוגנט און ציון" שרייבט ער אַז די יוגנט איז דער שאַנס פֿאַרן מענטשלעכן גליק. זאָל זיך די יוגנט קעגנשטעלן דער וועלט פֿון שקר און בויען די וועלט פֿון עָמוֹס, ירמיהו, שפּינאָזאַ און... יעזוס. ציון קען נישט אויפֿבליען אין דער וועלט אָן גייסטיקער צוגעגרייטקייט.

פֿאַר בובערן, ווייזט אויס, איז דער ציוניזם געבליבן אַ יידיש־אוניווערסאַלע אַבסטראַקטע פֿילאָזאָפֿיע, וואָס האָט זיך נישט אַריינגעפּאַסט אין געראַנגל פֿאַר יידישער עקזיסטענץ.

\- 3 -

אויך זיין רעליגיעזער באַנעם איז אַ פֿילאָזאָפֿישער; זיין באַגייסטערונג פֿאַרן חסידיזם האָט אויפֿגעלעבט דורך זיין אינטערעס אין מיסטיציזם. אין אָן עסיי "ווונדערלעכע וועלט־געפֿילן" נעגירט ער פֿויערבאַכס צוגאַנג, אַז גאָט איז די איינקייט פֿון מענטש מיט מענטש. לויט בובערן איז גאָט די אַבסאָלוטע דו־פּערזענלעכקייט פֿאַרן מענטש. גוסטאַוו לאַנדאַוער, זיין נאָענסטער פֿריינד – אַ ייד, סאָציאַליסט און אַנאַרכיסט, האָט בובערן דערמוטיקט זיך צו באַקענען מיטן קריסטלעכן מיסטיציזם. פֿראַנציס דע אַסיסי האָט גערופֿן די פֿייגל,ביימער, שטערן – מיינע ברידער. ער האָלט מיטן לוטעראַנער בעהם אַז די וועלט איז אַ האַרמאָניע פֿון אינדיווידועלע טענער. דער באַוווסטזיין פֿון אין־סופֿיקייט, אַליינזאַמקייט, באַזונדערקייט, אינערלעכע קאָנטראַדיקציעס פֿירט דעם מענטש צו מיסטיציזם.

ווי קירקעגאַרד, ניטשע, דאָסטאָיעווסקי, איז בובער קעגן מעכאַניזירונג, קעגן באַנעם פֿון מאַסן־קולטור. אינדיווידואַליזם מיינט, אַז וואָס דו זעסט איז אַנדערש פֿון מיַין זעען. דאָס פֿירט צום דיאַלאָג צווישן איך און דו. בובער הייבט אָן זיך אינטערעסירן מיטן יידישן מיסטיציזם, ער לערנט קבלה, זוהר און זייער נאָכוווקס – דעם חסידיזם. אין זיין דיסערטאַציע "די געשיכטע וועגן פּראָבלעמען פֿון אינדיווידואַציע פֿון ניקאָלאַס פֿון קוסאַ" לויט זיין פֿאַרערטן בעהם, ברענגט בובער ארויס דעם געדאַנק "אַז דאָס זיך

מתיחד זיין מיט דער געטלעכער שכינה מיינט פֿאַרבינדונג מיט זיך אַליין. זיין דניאל־עסיי "דיאַלאָג און רעוואָלוציע" ווייזט בובערס איבערגאַנג פֿון מיסטיציזם צום עקזיסטענציאַליזם.

ווען חסידיזם זענען געשריבן געוואָרן פּילצאָליקע ביכער פֿון דובנאָוו, האָראָדעצקי, בערדיטשעווסקי און דיכטער דראַמאַטורגן און שרייבער ווי פּרץ, עגנון, הלל צייטלין א.א. ווען פּרצעס "חסידיש" באַמערקט ניגער, אַז אין פּרצעס אַרויסהייבן דעם עטיציזם אין זיינע דערציילונגען זעט מען דעם חילוק צווישן חסידיש און חסידיזם.

בובער, וואָס האָט צו 14 יאָר אויפגעהערט לייגן תפֿילין ווייזט אין זיין אַריינגעמען סיי דעם חסידיזם סיי די השכּלה אין זיין יידישער וועלט – אויף דער ענלעכקייט מיט דער פּרץ־ניגער קאָנצעפּציע פֿון חסידיש און חסידיזם. בובער האָט דעם חסידיזם אַריינגעבראַכט אין דער מעריב־וועלט. אין גאַליציע האָט ער פּערזענלעך דערפֿאַרן די פּירונג און שטייגער־לעבן פֿון די חסידישע קלויזן, די רבישע הייף. / און דעם צדיק / ווי אַ פּירער פֿון זיין עדה. ער האָט איבערגעלעבט די הייליקייט פֿון יום כּיפּור אַלס קינד ביים זיידן דעם משׂכּיל וואָס האָט געדאַוונט מיט חסידים. יענע קינדער־יאָרן האָבן באַווירקט זיינע השקפֿות. ער האָט געגלויבט אין אינטעגראַציע פֿון השׂכּלה און חסידיזם אין דעם יידישן רענעסאַנס.

אין די שבחי בעל שם, ספּורי נפֿלאות פֿון ר' נחמן בראַסלאַווער און אַנדערע חסידישע מעשׂיות האָט ער אַנטדעקט אַ וועלט פֿון מיסטיק און מענטשלעכער דערהויבונג. ווען בובער האָט אַרויסגעגעבן די מעשׂיות פֿון בראַסלאַווער: די זיבן בעטלער, דער חכם און דער תּם א.א., האָט ער געזאָגט – דאָס איז מיין ענטפֿער אויפֿן ביאַליסטאָקער פּאָגראָם. בובער גלויבט אַז נישט פֿויערבאַך, נישט קירקעגאָרד נאָר דער בעל שם האָט אינספּירירט זיין איך־דו קרובֿהשאַפֿט מיט גאָט. אין חסידיזם דערקלערט בובער די באַגריפֿן פֿון כּוונה, התלהבֿות, שפֿלות, השתּפּכות הנפֿש ווי די יסודות פֿון באַהעפֿטונג מיט גאָט. ער שילדערט די פּערזענלעכקייט פֿון צדיק, זיין אַנדערשקייט, זיין אייגנאַרטיקע חכמה, זיינע משלים, זיין באַנעם פֿון דער מענטשלעכער נשמה אין אָנבליק פֿון דער אייביקייט.

אין דעם "בר כּוכבא" פֿאַריין, אין פּראַג (1912) האָט בובער זיך באַרימט געמאַכט מיט זיינע רעדעס וועגן יודאַיזם. יענע רעדעס האָבן באַווירקט פֿראַנץ ראָזענצווייגן, דעם פֿילאָזאָף, מחבר פֿון "דער שטערן פֿון גאולה"; לודוויג שטראַוס, דעם דייטש־יידישן פּאָעט; אַרנאָלד צווייג וואָס האָט זיך צוליב דעם אומגעקערט צו יידישע טעמעס; מאַקס בראָד שרייבט, אַז אין בובערס רעדעס פֿעלט מעסיאַניזם. גרשום שאָלעם, הגם אַ קריטיקער פֿון בובערס אויסטייטשונג פֿון חסידיזם, האָט אָבער אין אים געזען אַן איינפֿלוס אויף דער יידישער יוגנט אין דייטשלאַנד.

אַ נייער צוגאַנג פֿון דענקען זענען זיינע דיאַלאָגן וועגן ליטעראַטור און פּסיכאָלאָגיע אין בוך "דניאל" ("די הייליקע אומזיכערקייט" און "עקסטאַז און ווידוי"), ער שרייבט וועגן פּאָעזיע, אַז דער פּאָעט איז דער שליח פֿון געטלעכקייט און ערדישקייט. פֿאַרן פּאָעט איז יעדעס ליריש ליד אַ דיאַלאָג. צו גאָט קען מען נישט רעדן אין דער דריטער פּערזאָן. בובער גלויבט נישט אין גאָט־באַגריף וואָס מאַכט דניאלן פֿאַרויסזען די מענטשלעכע געשיכטע. ער גלויבט אין גאָט וואָס דניאל בעט צו אים אין זיין פּיין.

אין דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער נישט געווען קיין סופּער־פּאַטריאָט ווי

הערמאַן קאָהען דער נעאָ־קאַנטיאַנער, און אויך נישט קיין פּאַציפיסט ווי גוסטאַוו לאַנדאַוער. ער האָט דעמאָלט געגעלויבט אַז דייטשלאַנד וועט פון דעם קריגס־כאַאָס ברענגען צו אַ בעסערער סיטואַציע ניט נאָר פאַר דייטשן נאָר אויך פאַר די מזרח־אייראָפּעישע יידן. ער האָט געוואָלט צוזאַמען מיט די יידישע סאָציאַליסטן אין דייטשלאַנד העלפן פאַרבעסערן די געפערלעכע לאַגע פון די רוסישע און פוילישע יידן. קעגן זיין שטעלונג איז שאַרף אַרויסגעטראָטן גוסטאַוו לאַנדאַוער. ער האָט אים גערופן קריגס־בובער און איבערגעריסן מיט זיין זשורנאַל "דער יודע". ער האָט דערמאָנט בובערן, אַז סיי דער צאַר סיי די דייטשע הערשער און די עסטרייכישע האָבן זיך אַלע געבאָדן אין יידיש בלוט. דאָס איז אמת. היינט פאַרשטייט מען ביידנס נאַיווקייט מיט זייער געטרויען דעם דייטשן פאָלק. אין דער מינכענער רעוואָלוציע איז גוסטאַוו לאַנדאַוער באַנאַנד מיט קורט אייזנער אומגעקומען פון דער רעאַקציע.

- 4 -

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה וווינט מאַרטין בובער אַ געוויסע צייט אין אַ בערלינער פאָרשטאָט. 8 יאָר איז ער פּראָפעסאָר פון יידישער עטיק און רעליגיע אין פראַנקפורטער אוניווערזיטעט. ער איז רעדאַקטער פון "דער יודע", ווו די בעסטע שרייבער פון אַלערליי לענדער און שפּראַכן, ציוניסטן און אַנטי־ציוניסטן נעמען אָנטייל. ער אַליין שרייבט הייסע ציוניסטישע אַרטיקלען, ער האַלט אָן אַ פריינטשאַפט מיט פראַנץ ווערפעל, מאַקס בראָד, די פּאָעטן ווערנער, קראַפט א.א. (יידן) צווישן זיינע נאָענטסטע פריינד איז געווען דער פילאָזאָף פראַנץ ראָזנצוויג. ביידע זענען אַ צייט געווען נאָענט צום עקזיסטענציאַליזם, ווי דער אמת פון מענטשלעכן זיין. הגם דער אָ צוגאַנג איז אין קאָנטראַסט צום פילאָזאָפישן באַנעם אַז מיין איך עקזעסטירט באַנאַנד מיט אַנדערע איכן וואָס יעדער איז אויך "דו".

ביידע באַגרייפן גאָטס פאַרבינדונג מיטן מענטש דורך באַשאַף, אַנטפּלעקונג און דערלייזונג; פאַר בובערן איז דערלייזונג אָפּהענגיק אויך פון גאָטס צייט. בובער באַטראַכט מיט פאַרשטענדעניש דעם מענטשנס אַנטלויפן פון דער גולם־אינסטיציע צו זיך אַליין. אין קאָנטראַסט אָבער צו פרוידס פסיכאָאַנאַליז שאַפט בובער דעם טערמין פסיכאָ־סינטעז, וואָס קומט צום אויסדרוק אין זיין פילאָזאָפיע פון דיאַלאָג צווישן איך און דו. נישט דער מענטש אין זיך, נישט די וועלט פאַר זיך נאָר די באַציאונג פון מענטש מיט מענטש, מענטש מיט דער וועלט, מענטש מיט גאָט.

צווישן איך און דו איז פאַראַן אַ דירעקטער דיאַלאָג, אָפנקייט, שותפותדיקייט. אָבער צווישן איך און "עמיצן" איז נישטאָ קיין שותפות, נאָר איינער ניצט אויס דעם צווייטן פאַר עגאָיסטישע צילן. און ווען אפילו דער "דו" ווערט אַן אָביעקטיווער "עמיץ" איז דאָס אויך נישט קיין מניעה, ווייל דאָס דערמעגלעכט אָביעקטיוו וויסן, קונסט, פּאָעזיע וואָס ווערן אויפסניי אַן "איך־דו" דיאַלאָג ווי דער יסוד פון אונדזער פאַרשטיין די וועלט און דעם מענטש. ער האַלט ווי קאַנט, אַז מיר קענען נישט האָבן קיין אָביעקטיוו וויסן וועגן אוניווערס. דער יסוד פון אונדזער וויסן וועגן דער וועלט און קונסט איז די איך־דו שייכותדיקייט. ס'איז אויך פאַראַן אַ מין טייוואָלאָנישער דו, ווי היטלער ימח שמו, דער "דו" פון מיליאָנען דייטשן. בובער איז געווען אַ רעליגיעזער דענקער. רעליגיע פאַר אים מיינט מענטשלעכער שייכות צום לעבן. געטלעכע גאולה איז די ענדגילטיקע דערלייזונג פון קאָנטראַדיקציעס און רשעות.

פֿאַר בובערן איז גאָט דער אייביקער דו, דער אַבסאָלוטער מענטש וואָס וויל ליבן און מען זאָל אים ליב האָבן. ער מיידט נישט אויס צו קאָמענטירן וועגן קריסטלעכקייט. ער האַלט יעזוסן פֿאַר זיין יידישן ברודער, וואָס דאָס קריסטנטום האָט פֿון זיין לערע אָפּגעניגט. להיפוך צום פּאָול־באַגריף "גלויב", איז יידישקייט – מעשים. בובער קעמפֿט קעגן דער קריסטלעכער דאָגמע פֿון גלויבן ווי אַן עיקר. עטיק איז די געטלעכע לערע קאָנצענטרירט אין יעזוסן דעם ייד. אַלץ וואָס איז יידיש אין קריסטלעכקייט איז שעפֿעריש, און פֿאַרקערט. באַשאַף, אַנטפּלעקונג און גאולה זענען דריי אַספּעקטן אין מענטשלעכער און געטלעכער בשותּפֿותדיקייט. דאָס קומט דורך דעם מענטשנס צוריקקער צו גאָט מיט פֿרייד און דאַנק אין צייט פֿון קריזיס און אומזיכערקייט. דאָס איז די באַהעפֿטונג פֿון מענטשנס "איך" מיטן געטלעכן "דו".

עלטעכע וואָכן פֿאַר היטלערס קומען צו דער מאַכט, יאַנואַר 1933, איז פֿאָרגעקומען אַ דעבאַטע צווישן בובער און ליבעראַלן טעאָלאָג קאַרל לודוויג שמידט וועלכער האָט געמאַכט דעמאָלט אַ דערקלערונג, אַז "נישט געקוקט אויף אייער ביטערן געפֿיל וועגן דעם אַז מיר אַטאַקירן אייך, איז אונדזער מיסיאָנערישע פֿליכט אייך איבערצוגעבן, אַז די קירך פֿון יעזוס ווייזט אַרויס געדולד און האָפֿט, אַז די יידן וועלן באַנעמען, אַז נאָר די וואָס גלויבן אין יעזוסן זענען דאָס אויסדערוויילטע פֿאָלק. אויב די יידן ווילן ווערן געראָפֿן עם ישראל, מוזן זיי זיין אַ טייל פֿון קריסטנטום." אויף דעם האָט בובער געענטפֿערט: איך ווין נישט ווייט פֿון וואָרמס און קום אָפֿט אַהין צום אַלטן בית עולם פֿון מיינע אור־אָבות. צוערשט באַטראַכט איך און באַוווּנדער די פּראַכט און גלאָריע פֿון דער מיטלאַלטערלעכער קאַטעדראַלע, דערנאָך קום איך צו די צעבראָכענע מצבות וואָס זינקען אין שטויב (אין וואָרמס איז אומגעקומען די יידישע קהילה אויף קידוש השם אין דער צייט פֿון די קרייצפֿאָרער). אין דעם קאָנטראַסט קען דער גלאַנץ און גלאָריע פֿון יענער קאַטעדראַלע מיך נישט צעשיידן פֿון מיינע אָבות און מיין טראַדיציע. "אָבער איך גלויב אין דיאַלאָג פֿון ייד און קריסט. גאָטס טויערן זענען אָפֿן פֿאַר אַלע מענטשן, די קריסטן מוזן נישט גרייכן דעם הימל־טויער דורכן יידנטום, און די יידן מוזן נישט קומען צו גאָט דורכן קריסטנטום. קיין גוי וועט נישט באַנעמען די מיסטעריע פֿון יידישקייט און קיין ייד וועט נישט פֿאַרשטיין די מיסטעריע פֿון קריסטלעכקייט, דעם גלויבן אין יעזוס. אָבערביידע דאַרפֿן אָנערקענען די רעכט פֿון צווייטן צו מעגן זיין אַנדערש. ווי איז מעגלעך, אַז צוויי מיסטעריעס זאָלן באַנאַנד פֿריינטלעך עקזיסטירן, דאָס איז טאַקע גאָטס וווּנדערלעכע מיסטעריע".

***

פֿראַנץ ראָזענצווייג, אין אַ בריוו צו אַ פֿריינד, האָט געשריבן אַז בובער האָט אַריינגעשמוגלט יודאַיזם אין דייטשן יידנטום. איז דאָס אפֿשר אמת. מחמת די נייע אַנדערשטיקע טענער האָבן אָפּגעלירט צום דייטש־יידישן געמיט, צו די אַסימילירטע יידישע אינטעלעקטואַלן אין דייטשלאַנד און עסטרייך, די צענדליקע קינסטלער, דענקער, נאָוועליסטן, און דיכטער, וואָס האָבן ביז דער נאַציִשער ממשלה געלייגט דעם אוניווערסאַלן און הומאַנעם חותם אויף דער דייטשער קולטור. באַנאַנד מיט זיינע פֿריינד האָט ער אין יענער גרויליקער צייט איבערגעלעבט אַן אַנטוישונג. צום גליק האָט ער זיך געראַטעוועט. ער איז געווען פּראָפֿעסאָר אין ירושלימער אוניווערסיטעט,

## רבקה באַסמאַן / הרצליה

***

עס צווינגט דאָס לעבן: לעבן.
מיט פראָסט און פלאָם אין דייַנע גלידער,
דו ווייסט אַפילו ניט
ווי ס׳היילן לידער.

אין זיי דייַן צאָרן און דייַן וויי
דיין דאָרן און דייַן רויז
און אַלץ וואָס דיר טוט ווי
דו זאָגסט זיי אויס.

ווי פון אַ טויבן-היים
דערפליִען לידער – טריט
דו ווייסט אַפילו ניט
ווי ס׳היילט אַ ליד –

און אפשר ווייסטו.

5.31.1991

---

און נאָך דער מלחמה האָט ער אַרויסגערופן אַ קאָנטראָווערסיע צוליב זיין פאָרן קיין דייטשלאַנד, ווו מען האָט אים באַערט מיטן געטע־פרייז פאַר ליטעראַטור.
מאַרטין בובער איז געשטאָרבן אין 1965 און איבערגעלאָזט אַן אייגענע רייכע ירושה פון מאָדערנעם יודאַיסטיש־הומאַנעם געדאַנק.
אין זיין בוך דיאַלאָג, פון 1930, איז פאַראַן אַ דעדיקאַציע צו פּאַולאַ, וואָס קען אויך זיין גילטיק צווישן פּאָעט און לייענער, צווישן מענטש און מענטש.
״דער תהום און די ליכט פון דער וועלט,
די נייטיקייט פון צייט, באַגער און אייביקייט;
וויזיע, געשעעניש און ליד,
זיי זענען דיאַלאָג צווישן מיר און דיר״.

מאיר חרץ / ירושלים

## און...

און איינער זוכט ביים צווייטן די אַכילעס־פּיאַטע –
און דער איז קורצזיכטיק און יענער – היקעוואַטע,
און יענעמס הויזן – בלויז אַ לאַטע אויף אַ לאַטע,
און יענע, נעבעך, פון געבוירן – אַ האָרבאַטע.
מייַנע הערן, מייַנע דאַמען,
איך האָב צון אייַך עטלעכע שאלות דעליקאַטע,
נאָר אין אַנדערע גראַמען,
נישט אַזעלכע גלאַטע
און די סאַמע ערשטע פון די שאלות,
צי מע מעג אַרויסשטעלן יענעמס דלות
פאַר אַן אייגענעם פאַרמעגן,
אָן צו שטעלן עפּעס־וואָס אַקעגן?
און די צווייטע שאלה:
צי מעג מען יענעמס פעלערן
אַרויסשטעלן (פאַר יעדערן)
פאַר אַן אייגענער מעלה?
און די זעלבע איז די דריטע שאלה
און די זעלבע זענען זיי די שאלות אַלע:
צי מעג מען דען, צי מעג מען?

## און דו ווע‍סט

און דו וועסט איבערלעבן אַלע דייַנע לייענערס,
פאַר דייַנע אויגן וועט זיך וואַלגערן דייַן ליד
דאָס נישט געלייענטע מער, ווייַל קיינער,
אַפילו ער זאָל וועלן, לייענט עס ניט.

און דו וועסט איבערלעבן אַלע דייַנע שכנים,
וואָס קענען שוין זינט לאַנגע יאָרן דייַן פּראָפיל,
וואָס ווערט שוין באַלד נישט מער געזען פון קיינעם
און לעשט זיך אין דיין פענצטער אין דער שטיל.

און דו וועסט איבערלעבן אויף דײַן אייגענע לוויה,
וואָס האָט געגרייט זיך דיך באַגלייטן אויפֿן פעלד
און אויסגעשטאָרבן איינציקווייז דערוויַילע,
נישט לאָזנדיק קיין איינציקן צו צאָלן צדקה־געלט.

(ירושלים, מוצאי שבת, 21־סטער יולי, 1990)

## פון איַילעניש

פון איַילעניש קומט נישט אַרויס קיין גוטס,
נאָר אויך דאָס נישט־גוטע קומט צו נוץ
אַ צווייטן, פֿאַרשטייט זיך, וואָס איַילט זיך נישט
און בלײַבט אין מיטן וועג און געניסט
פון אַלעמען, פון שאָטן און גראָז,
פון ווײַטן הערט זיך אַ פֿאַראַוואָז,
זײַן פײַפֿן און פרײַכן, סע זעט זיך זײַן רויך
און ווײַטער אַ ביסל הויך־הויך
אויף יעדן דאַך פון יעדער וואַגאָן
זיך זיצט אַ האָז און אַ צאָן אויף אַ צאָן
אים קלאַפּט פֿאַר פחד, טאָמער אַ פוקס
וואַקסט אויס פון וואַגאָן אין זעלבן וווקס
אַ גלײַכבאַרעכטיקטער פֿאַרשוין –
צי האָט זיך דאָס איַילעניש געלוינט?

(ירושלים, 2־טער אָקטאָבער, 1990)

## מיך שלעפּט

מיך שלעפּט אַ שטראָם אַ געדיכטער
אויף גאַסן פון גרויסע שטעט,
אַ מענשטן־שטראָם פון געזיכטער
און יעדער געזיכט – אַ פּאָרטרעט.

איך יאָג מיטן שטראָם מיטן גרויסן,
פֿאַרליר זיך אין מענשטן־ים,
נאָר אויף צו פֿאַרהיטן מײַן אויסזען
באַדאַרף איך אַ פֿאָרם, אַ ראַם

און אויף צו זײַן נישט איינזאַם
באַדאַרף איך אַ פּאָר, אַ גראַם.

(ירושלים, 31־סטער מאַי, 1991)

## אויף אַ וואַנט

אויף אַ וואַנט די אויסגעשטעלטע בילדער
אײַנגעראַמטע, אײַנגעצוימטע, אָפּגערוקטע
איינס פון צווייטן אויף דרײַ שמאָלע פינגער
שפּיגלען אָפּ זיך אין די אויגן די פאַרקוקטע.

שטיי איך אַ פאַרבלענדטער פונעם רײַכן פורים,
מוז איין אויג פאַרשוֹשמורען און פאַרמאַכן
און איך זע אַ קאַרנאַוואַל בײַם בבל־טורעם,
אַ מיש־מאַש פון פאַרבן, אַ קאַרנאַוואַל פון שפּראַכן.

אַ געדרענג איז אויף דער וואַנט ווי אין גאַסן ווײַטע,
גאַסן וואַרשעווער, קעשענעווער, ריגער,
ריזן־בילדער רוקן זיך אַרויס באַצײַטנס
פון די ראַמען און זיי פּלאַטערן ווי פאַנען פילקאָליריק.

ענג איז זיי געוואָרן אין די פּינקטלעכע פירעקן,
וואָס אַ פרעמדע האַנט האָט צוגעשניטן,
אויף אַ וואַנט אַן אייגענער מעג מען זיך דאָך שטרעקן,
אין אַן אייגן לאַנד מעג מען פאָרן זומער אין אַ שליטן,
ווינטער אויסטאָן זיך, נאָר די קליידער דאַרף מען היטן
זיך, אויף נישט צו דאַרפן... מאָרגן צוצודעקן.

(ירושלים, זונטיק, 16־טער יוני, 1991)

שמואל איזבאַן / ניו־יאָרק

# נחמיה דער קוישן־פּלעכטער [1]

## (דערציילונג)

### - ה -

ביי נחמיהן האָט מען שוין געוואַרט אויף ברוך ווייַנהענדלערן פֿון אַ קיילעכדיקע שעה. די בני־בית זענען געזעסן אויסגעזעצט אַרום אַ רונדיקן, דרייפֿוסיקן טיש, ווי אויף אַ משפּחה־שמחה. דעם אויבן אָן האָט פֿאַרנומען נישט נחמיה, נאָר זיין ווייב בת שבע. דער געדאַנק אַז זי איז אין דער בעל־דעה איבערן פֿאַרמעגן האָט איר צוגעגעבן חשיבות. נעבן איר איז געזעסן איר בלינדע טאָכטער, הינטער זיי ביידן – זבולון. און קעגניבער, אויף אַ הויכן אויסגעבעטן שטול, ווי אויף אַ היסב־בעט, האָט זיך אָנגעשפּאַרט נחמיה, אַ צערודערטער.

עמרם, אַן אומגעדולדיקער, האָט זיך געדרייט ביי דער הויז־טיר, ווי אַ וועכטער, און אויסגעקוקט דעם קויפֿער מיטן מעקלער, ווי מען קוקט אויס ווייטע אנקומענדיקע קרובים.

ווי נאָר ברוך האָט אַריבערגעטרעטן די שוועל, האָט ער גלייך זיך אָפּגעשטעלט ביי עמרמען. ער האָט געגומען וואַרפֿן אויף אים אויגן, ווי פֿיילן, ער האָט זיך צעשריגן:

– אַז דער יונג וועט שטיין פֿאַר מיינע אויגן, שרייב איך נישט אונטער. כ'טונק נישט איין די פֿעדער פֿריער.

ביי רפֿאלן האָט זיך אַ גאָס געטון די גאַנצע רויטקייט אין קאַרק אַריין. ער האָט געהאַט אַן עול איצט איינצוהאַלטן ברוכן, ווי מען האַלט איין אַ צערייצט פֿערד. ער האָט געדאַרפֿט צומען דעם קאַראַאימער, ער זאָל זיך נישט וואַרפֿן אויפֿן אשכנזי פֿאַר באַליידיקן זיין זון. און ער האָט געפּרוווט איינשטילן דעם היציקן איבעררייד.

– איידער דו גייסט חתמענען, ברוך, דאַרפֿסטו זיך ארומקוקן איבערן הויז. קוק אָן דעם ערשטן שטאָק, דעם צווייטן, שפּאַציר אַריין אין די חדרים. באַטראַכט די שכנים. מען קויפֿט דאָך נישט דעם אייזל צוליב דעם זאָטל, נאָר מען קויפֿט דעם האַלדזשניר פֿאַרן קעמל...

– מען דאַרף גאָרנישט ארומקוקן. גענוג געקוקט! גענוג באַטראַכט! – האָט נחמיה גענומען געוואַלדעווען – דאָס האָב איך און דאָס פֿאַרקויף איך! און דער פּרייז – צוויי אלפֿים מיט צוויי מאות!

– ס'איז געשטיגן? – האָט ברוך אַ קוק געטון אויף דעם רויטן רפֿאל – ביי מיר אין הויז האָסטו אָפּגערעדט אַ קיילעכדיקן סכום!

– אַז ס'וועט האַלטן דערביי, אַז מען וועט צוקומען צי אָט דעם פּינטעלע – האָט רפֿאל באַרויקט ברוכן – דעמאָלט בין איך אַ פֿאַרמיטלער! בין איך אַ סרסור. ס'ערשטע טו דיר אויס דעם אויבער־בגד, רוק אַרויס אַ בענקל – און ער האָט אויפֿגערופֿן נחמיהס ווייב – וואָס האָסטו צו זאָגן, גאַסט – ביטערין בת שבע?

---

1) סוף פֿון פֿאַריקן נומער.

בת שבא האָט זיך דערשפּירט אין דער הויט. מיט נצחון האָט זי אַ קוק געטון אויפן מאַן. זי האָט געשנאָבלט מיטן מויל און געמיינט אַזוי צו זאָגן: "זעסט, אַז ס'קומט מיט מענטשן מסחר דורכצופירן, רעדט מען צו מיר!" אויף רפאלס אַרויסרוף האָט זי געענטפערט געשפּטסמעסיק:

– ווי דו ביזט איצט נישט קיין גאַסט, אַזוי בין איך נישט קיין ביטערין. אַ פּאַרקויפערין בין איך. און אַז ברוך איז דער קויפער – בין איך ווויליק אָוועקצוגעבן די מויער. פון צוויי שטאָק באַשטייט דאָס הויז. אַכט צימערן אויפן ערשטן און ניין צימערן אויפן צווייטן. די שכנים זענען אָרנטלעכע בעלי־מלאכות, ערלעכע צאָלערס...

ווי בת שבע האָט געהאַלטן און מיטן אויסלויבן דאָס הויז, די שכנים, האָט עמרם מיט אַ מאָל זיך צוגעשטעלט צום טיש. ער האָט אַ קוק געטאָן בחפזונדיק צוערשט אויף ברוכן, דערנאָך אויפן פאָטער און זיך צעשריגן:

– הער טאַטע, דיר שטעל איך אַ תנאי! איידער דו ווועסט געבן דיין הסכמה. צי ס'וועט יאָ ווערן פון קויף, צי נישט זאָלסטו וויסן אַז דאָס וואָס קומט פאַר צווישן מיר און דבורהן זאָל אים, דעם סוחר נישט אָנגיין. ער זאָל זיך נישט מישן.

– אַ תנאי שטעלסטו? – איז ברוך אַ צעקאָכטער אויפגעשפּרונגען – וואָס הייסט דו שטעלסט אַ תנאי? און אַז איך וועל נישט שליסן מיט דיר קיין מחותנשאַפט? און ווי קומסטו, אַן איינגעשפּאַנטער דישל־שלעפּער צו דבורהן? אַן איידעם ווילסטו ביי מיר זיין? אַ דר'ערד־ליגער ווועסטו זיין!

– און אויב דו מיינסט, אַז מיר שטייט אָן דיין מחותנשאַפט, שטייסטו אויך אויפן קאָפּ, נישט אויף די פיס – איז נחמיה אַ קעגן געשפּרונגען ברוכן – אין מיין משפחה האָט נאָך זיך קיינער נישט מתחתן געווען מיט אַ תלמוד־ייד. און איך וועל עס אויך נישט!

– דו יחוסט זיך גאָר? דו טרוקענער קאַראַאימער! דו אָפּגעשונדענער ישראל! פאַרשטייסט דאָך אַפילו נישט דעם פירוש המילות!

– בעסער אַזוי! אַלע תורה־מפרשים זענען געווען פעלשער! ווען נישט אייערע תנאים וואָס האָבן געזוכט אַ באַהאַלטענעם טייטש אין יעדן הייליקן אות, וואָלטן בייזע נביאים נישט אַרויסגעקומען, וואָלטן פאַלשע משיחים זיך נישט באַוויזן.

– כ'קען נישט הערן! כ'קען נישט הערן! – האָט ברוך זיך פאַרשטאָפּט די אויערן – דערדסט דאָך ווי אַ סמבטיון־ייד. דו קליפּה אָן אַ יאָדרע, דו אויסגעהוילטע שאָל!

– אַזוי צו נבלען? צו קרוינען מיך און מיין בן־בכור מיט תוכחה־נעמען... דערצו האָסטו נישט געדאַרפט אַזש אַ הער שפּאַנען פון מאה־שערים!

– האָסט מיך געלאָזט רופן.

– איך האָב גערופן?

– פרעה האָט נישט געגעניצט און דו האָסט נישט גערופן! און אַז דו האָסט מיך טאַקע נישט גערופן, האָב איך דאָ נישט וואָס צו טאָן, געגנוג. קיין משא ומתן מער, כ'גיי!

ער האָט זיך אַ לאָז געטון צו דער טיר, אין געאייל האָט ער נאָך אָנגעכאַפּט רפאלן פאַר אַן ארבל און אין אים אַריינגעשריגן:

– און דו, רויטער רפאל, געדענקסט כ'האָב פריער געשריגן, דו מאַכסט מיך פאַר אַ קאָמעדיאַנט? מער זאָלסטו מיין שוועל נישט איבערטרעטן. כ'געטרוי נישט דיין רויטע יאַרמעלקע און איך געטרוי נישט דיין רויטן קאָפּ!

רפאל, צעטומלט און צערודערט האָט דערשפּירט ווי אַלץ גליטשט זיך אַרויס פון זיינע הענט. דאָס פּנים האָט געשרפהעט. דער קאַרק האָט געברענט. ער האָט געוואָרפן קולות אין ביידע זייטן:

- יהודים, וואָס טוט זיך דאָ? וואָס טויג אייער למדנות? רעדט ווי סוחרים, נישט ווי די קורדענסטאַנער ווייבער... איר זייט זיך צונויפגעקומען דורכצופירן אַ קויף... בת שבע, פאַרהאַלט דעם סוחר! פאַרוואָס שיקסטו נישט אַרויס נחמיהן?

בת שבע האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט. זי האָט אָנגענומען די בלינדע טאָכטער פאַר אַ האַנט, און נישט אַ קוק טוענדיק אין מאַנס זייט האָט זי זיך געקלאָגט:

- ער צעשטערט אַלץ! אַ חורבן וועט ער ברענגען אין הויז. אַזאַ וואָלף! אַזאַ שונא!

נחמיה מיט ביידע זין האָבן זיך גערוקט צו אַ זייטיקער טיר. בת שבע מיט דער טאָכטער זענען אַריין אינעם צווייטן צימער, און אינדערמיט איז געשטאַנען דער רויטער רפאל. מיט צענומענע הענט האָט ער געפּרוווט צונויפפירן ביידע צדדים, ווי מען וויל צונויפנעמען ביידע עקן פון אַ פונאַנדערגעלאָזענער שנור.

- ו -

מיט אַ טאָג שפּעטער, אין פרימאָרגן, האָבן אין קאַראַאימישן הויז זיך באַוויזן צוויי אומגעבעטענע לייט, וואָס קיין ירושלימער הויזווירט קען זיי נישט אויסמיידן. ער מוז זיי באַגעגענען איין מאָל אין זיבן יאָר. די לייט האָבן געטראָגן ברייטע אראַבישע פּאָלע־הויזן, גרויע רעק מיט מעשענע קנעפּ און רויטע פעסקעס. געווען זענען זיי שמאָים – שאַצערס פון הייזער. און זייער עובדא איז באַשטאַנען פון ציילן און מעסטן די הכנסה און הוצאה פון יעדן פאַרמעגן און וויפל שטייערן דאָס דאַרף אַריינטראָגן אין דעם רעגירונגס־שאַץ. אין "טאַבו".

פאַר נחמיהן איז דער וויזיט געווען אומגעריכט. ס'איז געווען נאָכן אָנבייסן. די בנים זענען אַוועק אין שטאָט אַריין מיט אָנגעלאָדענע וועגלעך. ער האָט זיך גראָד געגרייט זעצן און פלעכטן קוישן ווי ער האָט דערהערט טריט. ער איז אַראָפּ פון די טרעפּ. דערקענענדיק די בייזע שילוחים, איז ער זיי אַקעגן געגאַנגען מיט אַ פאַרוואָלקנט פּנים. זיי האָבן אים באַגריסט, פירנדיק מיט דער רעכטער האַנט אויפן האַרצן און אויפן שטערן.

ביי נחמיהן האָבן זיך געקרימט די באַקן:

- ווידער שטייערן צאָלן?

- מען זעט זיך איין מאָל אין זיבן יאָר, נחמיה – האָט איינער פון די שאַצערס , אַ געוויקסיקער אַראַבער זיך אָנגערופן – און דו גייסט אונז אַקעגן מיט אַזאַ זויער פּנים?

- האָסט מיך געקענט לאָזן וואַרטן נאָך זיבן יאָר, נאַשאַשיבי. די "טאַבו" וואָלט נישט פאַראָרעמט געוואָרן – האָט נחמיה אַרויסגעקרעכצט.

דער שאַצער האָט זיך געכאַפּט, אַז ער איז איצט נישט געקומען צו גאַסט. זיין אָמט איז אָפּצושאַצן געביידעס. און ער האָט צוזאַמען מיטן באַגלייטער, אַ ספרדי, גענומען שפּאַנען אַרום די בנינים, אָפּמעסטן יעדע וואַנט מיט אַזאַ גענויקייט, ווי ער וואָלט געציילט איטלעכן ציגל באַזונדער. ער האָט זיך אַ קער געטאָן צו נחמיהן:

- ס'איז גאָרנישט צוגעוואַקסן פאַר די פאַר יאָר? האָסט נאָך נישט אַרויפגעבויט אַ פּאָר שטאָק?

- האָסט מורא, כ'האָב וויניק דאגות מיט דעם בנין, וואָס שטייט?

נאַשאַשיבי האָט געלאַכט מיט אַ גאַרגל־געלעכטער:

– כ׳וויל דיין שטייער־צאָלונג זאָל זיין גרעסער. ס׳זאָל מער אַריינפאַלן אין דער רעגירונגס־שאַץ...

נחמיה האָט געוווּסט, אַז נאָך אַזאַ שפּרוך וואָרט דער "ערלעכער" שאַצער אויף אַ מתנת־יד... דעמאָלט וועט ער מעסטן מיט חסד, וועט ער שאַצן מיט רחמנות... די ווערט פון הויז וועט פאַלן און אים, נחמיהן, וועט עס אָפּגילטן מיט אַ קליינעם שטייער. ער, נחמיה, וועט אָבער קיין שוחד נישט געבן. ער וועט אַפילו מער קיין הייזער נישט אויסהאַלטן. און מיט אַ מאָל האָט אים גענומען פאַרדריסן פאַרוואָס ער האָט איינגעריסן מיט ברוכן. איצט דאַרף ער אַ קויפער, און טאַקע באַלד.

נאַשאַשיבי, דער שאַצער האָט געעפנט אַ ברוינע אַקטן־טאַש. ער האָט אַרויסגענומען אַ שטויס פּאַפּיר־בויגנס און אויפן אויער אַריינגעדרבט אין זיין באַגלייטער. מיט אַ בלייפעדער האָט ער פאַרזיכטיק געצירקלט אַראַבישע בוכשטאַבן ווי געהיימע צייכנס. לויט דער לאַנגזאַמקייט פון זיין אַרויסברענגען די אותיות האָט מען געקענט זען, אַז ער איז נישט קיין גרויסער קענער אין שריפט.  ער האָט געמעקט און געצירקלט, דערנאָך האָט ער דערלאַנגט אַן אויסגעשריבענעם בויגן נחמיהן.

– ווייסטו נחמיה, אַז די שטייערן זענען געשטיגן?

– אויב אַזוי, וועט מיר מער נישט לוינען האַלטן די הייזער – האָט נחמיה נישט געאײַלט זיך צוצונעמען דעם בויגן.

– אַלע ירושלימער באַלעבאַטים ריידן אַזוי, ווען דער שאַצער קומט צו זיי. דו שרעק נאָר נישט די רעגירונג... שרעק נישט דעם ענגלענדער... וועסט דו נישט האַלטן דאָס הויז, וועט עס שטעקן אין אַנדערע הענט. שטייער־צאָלערס וועלן שטענדיק זיין!

דער שאַצער האָט צוגעקנייטשט דעם בויגן אויף פיר חלקים. ער האָט עס געשטופּט נחמיהן אין דער כאַלאַט־קעשענע און גערעדט שטרענג, מעשה־באַמטער:

– כ׳האָב געשאַצט יעדעס צימער אויף צוויי פונט. כ׳האָב אויסגערעכנט די ריינע הכנסה פון אַ גאַנץ יאָר. דעם שטייער־צעטל פון טאַבו וועסטו קריגן צוגעשיקט מאָרגן.

נאַשאַשיבי מיטן באַגלייטער האָבן אַרויסמאַרשירט פון הויף.

פאַר נחמיהן האָט דער אָנזאָג געקלונגען ווי אַ גזירה. מאָרגן וועט ער קריגן אַריינגעשיקט דעם טאַבו־צעטל. מיט בת שבען איז ער צעקריגט. רפאל דער סרסור ווייזט זיך נישט. מיטן קויפער האָט ער איבערגעריסן. טאָ פאַר וועמען וועט ער איצט זיך אַראָפּריידן פון האַרצן?

און אַזוי ווי נחמיה איז געשטאַנען אַ פאַרזאָרגטער, איינגעטונקען אין מחשבות, האָט אומבאַמערקט זיך אַריינגעשאַרט אין הויף רפאל. נחמיה האָט אויפגעריסן די אויגן. ער האָט זיך דערפילט מונטערער און אַ זאָג געטאָן:

– רפאל, כ׳בין אין אַ קלעם!

– ביי רפאלן האָט דאָס רויטע פנים געלאַכט מיט פולע בינטלער ברוינע שפּרענקלעך.

– כ׳ווייס. כ׳האָב געטראָפן אַרויסגיין די מַלאכי־חבלה, די שאַצערס. ביזט פאַר זיי אַ גוטע מעלק־קו, נחמיה...

– כ׳וויל דאָס פּטור ווערן. כ׳וויל מער נישט האַלטן די מויער. אָבער ווי קריג איך אַ נייעם קויפער?

– האָסט נאָך דעם אַלטן קויפער נישט פאַרלוירן... מיינסט, רפאל האָט הייטעלעך אויף די אויגן? כ'זע נישט וואָס ס'טוט זיך ביי דיר? כ'אַרבעט שוין פון נעכטן אָן מיט ברוכן. כ'וויל אים צוריק געווינען אויף אונזער זייט.
– און ער לאָזט זיךריידן?
– רפאל האָט באַלד נישט געענטפערט, ער האָט זיך אַרומגעקוקט צי קיינער שטייט נישט הינטער זיינע פּלייצעס. און אַז דאָס קרימעניש, די אומרואיקע העויות אויף נחמיהס פנים זענען געוואָרן גרעסער, האָט ער אַ זאָג געטאָן:
– וועסט מוזן אַ סך נאָכגעבן.
– מיט זיין שווערן, אָנגעבלאָזענעם גוף האָט ער זיך געשטעלט איבער נחמיהן, אַ שטרענגער, אַ נוקם ונוטר. ער האָט געציילט אויף די פינגער די הנחות, ווי מען ציילט פרעהס מכות:
– וועסט זיך נישט טאָרן מער יחוסן! וועסט דאַרפן אַראָפּלאָזן פון פרייז! וועסט נישט קריגן פון אים ס'גאַנצע במזומנים! וועסט מוזן לאָזן אַ משכנתא אויף העלפט געלט...
נחמיה, וואָס איז אין דער אמתן גרייט געווען איינצוגיין אויף הנחות, האָט איצט נישט געקענט פאַרטראָגן ווי רפאל טוט אים פאַרשעמען, ווי ער בריט אים מיט די רייד. ער האָט גלייך געוואָלט זאָגן, אַז ס'בלייבט ביים אַלטן... אַזאַ קויפער דאַרף ער נישט. ער קען אַזוי אויסהאַלטן נאָך אַ פּאָר יאָר, איז גראָד דעמאָלט אַרויסגעקומען דאָס ווייב בת שבע.
בת שבע מיט ביידע תערומות צו נחמיהן, מיט גוטע אויגן צו רפאלן האָט אַ פּאָר רגעס באַטראַכט ביידע מאַנסבילן און לסוף זיך אָנגערופן:
– נחמיהו? הויבסט ווידער אָן פון דאָס ניי? שיקסט ווידער אַ מאָל רופן דעם קויפער?
רפאל האָט זיך געשטעלט אויף נחמיהס זייט:
– ער מוז! די שאָצערס האָבן זיך איצט געלאָזט זען... און אַ נייע גזירה האָבן זיי געבראַכט... די שטייערן זענען געשטיגן...
– ווען איך בין אין דיין הויט, רפאל – האָט בת שבע נישט געוואָלט אויפגעבן איר בינטל טענות – וואָלט איך נישט געלאָפן ווידער צו נחמיהן. כ'וואָלט נישט צעניפגערוקט אַ וואַנט מיט אַ וואַנט...
– אַז איך רפאל, קען מוחל זיין אויף מיין כבוד, דאַרפסטו, אַ ווייב, נישט לייגן קיין שטיינער פאַר די פיס. און דאָס איז אייער מזל, וואָס כ'בין איצט אַריינגעפאַלן אין הויף. דער קויפער שטייט הינטער מיר...
סיי בת שבע, סיי נחמיה, ביידע האָבן זיך גענומען אַרומקוקן, זוכנדיק איבערן הויף ברוכן, און אַז ס'האָט זיך קיינער נישט באַוויזן, האָבן זיי אָנגעשטעלט אויף רפאלן פרעגנדיקע אויגן.
רפאל האָט אַ פּאָך געטאָן מיט דער האַנט צום טויער, און באַלד האָט אַריינגעשפּרייזט ברוך. הינטער אים איז נאָכגעגאַנגען זיין ווייב חנה, אָן אויסגעשטראָצלטע.
אַ שמייכלענדיקער האָט רפאל אויסגערופן:
– ער גייט. און נישט אַליין גייט ער. זיין ווייב קומט מיט. אַ צייכן, ער גייט פאַרענדיקן די קניה. איצט וויל איך מער נישט הערן קיינע טענות ומענות. איך וועל אויסשטעלן דעם כתב און איר, ביידע צדדים, וועט לייגן די חתימות.

– כ׳זאָג נאָך אַ מאָל, האָט ברוך זיך גלייך געוואָלט באַוואָרענען – קיין מחותנשאַפט גיי איך דאָ נישט שליסן! כ׳קום קויפן אַ הויז!
– ר׳ברוך, האָסט דאָך עפּעס געגעבן דיין הן־צדק, אַז וועסט שווייגן? – האָט רפאל צוגעלייגט אַ פּאָר פינגער צו די ליפּן, ווי אַ וואָרנונג.
– בעסער אַז מען רעדט זיך אויס אין פּאָרויס, בעסער, אַז מען ווייס אַלץ קלאָר – האָט חנה זיך אַריינגעמישט מיט אַ פרום פּנים.
– אַ מאַמע דאַרף אויסהיטן אירע קינדער ווי אַ שוואַלב אירע עופהלעך – איז בת שבע, ריידנדיק נענטער צוגעקומען צום רעדל – איר באַוואָרענט נאָר אייער טאָכטער! און מיין עמרם וועט אויך אָפּשטיין. ער וועט אַנידערפאַלן אויף די קניען, ווי אַ מידער קעמל.
רפאל האָט זיך אַ טאַפּ געטון ביי די בויך־טאַשן. דאָס כלי־זין, וואָס עס טראָגט מיט זיך אַ פרידלעכער מזרח־מענטש – געשליפענע קרעלן, אַ באַצירטער מאַכמעדאַנישער שטילעט – דאָס כלי־זין איז געווען ביי אים. רפאלן האָט דאָס דאָזיקע צירונג צוגעגעבן בטחון. אין אַזוינע רגעס האָט ער זיך געפילט יומא דפגראדיג, ווי אַ שלעפּ־אייזעלע, וואָס קריגט אַרויף אויף זיך אין מיטן וואָך אַ פאַרביקן זאָטל מיט פאַטשערקעס.
ער האָט אַרויסגעשלעפּט די קרעלן ווי אַ כשוף־שטעקעלע. ער האָט אַ שמיץ געטון דערמיט אין דער לופט, בעת דאָס רויטע פּרצוף האָט אָנגעקוואָלן:
– איצט, אַז מיר האָבן דעם מנין, קען מען אַריינגיין אין הויז און זיך זעצן צום טיש. אַלע זענען דאָ. ס׳פעלן בלויז די בנים. אָבער זיי ווילן מיר דאָך סאַי ווי נישט האָבן...
– זיי האָבן זיך געלאָזט איבער די הויז־טרעפּ. איינער נאָכן אַנדערן. רפאל האָט געשמיסן מיט דעם בייטשל קרעלן, און אַ צופרידענער אונטערגעטריבן דאָס הייפל:
– מיט בײדע פיס!
– מיט אַ מזלדיק וואָרט!
– אַ וואָרט, ווי אַ קמיע! און מען וועט זיך נישט פונאנדערגיין צוליב אַ מאה!

---

## יידיש און עברית קומען צוריק קיין אָדעס

דאָס בילדונגס־מיניסטעריום פון דער אוקראַינער רעפּובליק האָט זיך געווענדט צו דער יידיש־קאַטעדרע א״נ פון רינה קאסטא אין בר־אילן אוניווערסיטעט און האָט געמאָלדן אַז זיי פּלאַנירן עטאַבלירן אָפּטיילונגען פאַר עברית און יידיש אין די אינסטיטוציעס פאַר העכערער בילדונג אין אָדעס.
דאָס מיניסטעריום בעט די הילף פון אוניווערסיטעט און דער יידיש־קאַטעדרע אין ביכער, לערן־מאַטעריאַלן, לעקטאָרן און בשותפותדיקע אַקאַדעמישע טעטיקייטן.
דער "נגיד" פון בר־אילן אוניווערסיטעט פּראָפ. עמנואל ראַקמאַן, דער רעקטאָר און אַמטירנדיקער פּרעזידענט פּראָפ. צבי ארד און פּראָפ. יוסף בר־אל, דער הויפּט פון דער יידיש קאַטעדרע, האָבן אויפגענומען מיט צופרידנקייט די ווענדונג פון אוקראַינישן מיניסטעריום און וועלן אַנטקעגנקומען זייערע בקשות.

דאָראַ בײַרעק

# אײביק דאָ

עס קומען אָן די דענקמאָל טעג
דער זכרון רוישט אין מיר
בילדער שוועבן פאַר די אויגן
אַלץ וואָס געשען לעבט אין מיר.
איך קען קיין שורה ניט אָפּמעקן,
און פאַרגעסן איז אַ זינד.
אין לופט איך זע פאָרברענטע פלעקן –
דאָס פאַרבליבענע פון מײַן געזינד.

קינד און קייט
און זקנים ווייס
פאַרשרפעטע, פאַרוויסט
אָ, גאָט אַליין דאָרט קריעה רייסט,
דאָס בלוט פון זעקס מיליאָן
פליסט!

מ'האָט געוואָלט מײַן שטאַם אויסראָטן,
געשאַרפט פאַר אונדז אַ לעצטע שעה,
עס איז די שחיטה זיי געראָטן
נאָר מײַן פאָלק, מײַן פאָלק
אײביק דאָ.

הינדע זאַרעצקי / ניו־יאָרק

## אין אַ פאַרנאַכט

דער פאַרנאַכט איז געווען אַ שטילער
אויף די ווענט האָבן חלומות געבליט;
זע, אַן אַלטער בוים אין ליכטיקן צוויט
אויף לייוונט אַ געמעל אַ גרויער.
שאַגאַל דערציילט אין פאַרבן אַ מעשה:
אויפן מאַרק פלאַקערט אויף אַ יאַריד
מיטן פידל שפאַנט דער אייביקער ייד
צו דער חופה פירט מען אַ כלה אַ ווייסע.
סטעמפעניו שפּילט אויף אַ כישוף־ניגון
און רחלע טאַנצט ביזן זיבעטן חן –
אין רחלעס האַרץ נאָגט אַ מסוקן געוויין
דאָס פידעלע כישופט דעם אייביקן ניגון.
פרץ טויכט אַרויס פון די פלאַמען
מיטן צער פון זיינע פאַרשניטענע ברידער.
אונדזער טרייסט, זיין וואָרט, זיינע לידער,
אַ טרייסט – לדורות פאַר די שטאַמען.

## אַ זון־רויז פאַר מיין פענצטער

אַ זון־רויז פאַר מיין פענצטער,
פאַרשמייכלט האָט אויף אַלע בלעטעלעך.
מיט זון־שטראַלן
געלויכטן און געוואַרעמט.
כ׳האָב זיך געוויקלט
און געוואַרעמט אין זון־שטראַלן.
געציילט געלע בלעטעלעך –
געלע לאַטע –
מיין יחות פון דורות.
ציילנדיק כ׳האָב זיך פאַרפלאָנטערט:
אין אַ ציפער וואָס בריט מיין האַרץ
די ציפער ציילט אימה, גרויל,
דריטער חורבן...
פון פלאָנטער באַפריי מיך, גאָט!
פון חורבן, פון ציילן באַפריי מיך.
שיק אויף דיין וועלט אַ נייעם יוקליד.
נייע עלעמענטן זאָל ער אויפמישן –

אויסברענען זאָל דאָס גרויל אין חלל,
גרויל וואָס מיטן רויך שאָטנט
פון פאַרברענטע יידן!

## אין חלם

ווו איז נעלם געוואָרן
דער אימפעט
ווער האָט אויסגעלאָשן
דעם פונק.
אויף טויזנט טראַקטן
געוואַנדערט
אויף מיליאָנען וועגן
געשפּאַנט,
אין דמיון געזען
נס –
ווער האָט
גענאַרט –
דער ווונדער,
דער נס.

## לזכרון איזי כאַריק

אין אַ נאַכט
אַ שטילער
אין אַ נאַכט
אַ בלויער
לייען כאַריקס
לידער!
כ׳לייען
פון מינסקער
בלאָטעס
פון הונגער
און פון ברויט!
פאַרציט זיך מיין
זיצונג
מיט כאַריק
דעם דיכטער יונג;
זיין ליד איז מיר
נאָענט:
זיין ליד דערציילט
פון חלום, זיין ליד
דערציילט פון
מוט...

## דורך פאַרמאַכטע אויגן

דורך פאַרמאַכטע אויגן
הער איך מילטאָן
זאָגן
צו זיין טאָכטער:
-שרייב!
-דיין וועלט
בורא עולם
איז רייך:
ציען
פעלקער
אין
גאָטס
היכל –
צו דערגיין סוד
פון זיין –

לילי בערגער / פּאַריז

# דער שטילער פליסטער פון פאַרבן

## צום אָנדענק פון פרומע בעקער

ס׳האָט ווער געהאַט געשריבן, אַז די זוניקע פראַנצויזישע געגנט פּראָוואַנס איז געווען מזל־ברכה פאַר פיל קינסטלער־פּלאַסטיקער. האָבן דאָך טאַקע דאָרט אויפגעשטעלט זייערע צייטווייליקע אָדער שטענדיקע געצעלטן אַזעלכע מייסטערס ווי סעזאַן, וואַן גאָג און אַנדערע. און ס׳איז אויך מסתמא נישט קיין צופאַל וואָס היינט צו טאָג איז דער "בלויער ברעג" ווי בכלל אַ טייל פון דרום־פראַנקרייך געוואָרן, נאָך פּאַריז, דער צווייטער צענטער פון דער פראַנצויזישער פּלאַסטישער קונסט.

זעט אויס, אַז סביבה, נאַטור־שיינקייטן און היסטאָרישע מערקווירדיקייטן האָבן נישט קיין קליינעם שייכות צום אויפשוווּנג פון קונסט, און דאָס מוזן נישט דווקא זיין קיין קונסט־ווערק פון דעם מין, וואָס מען רופט פייזאַזשן. די סביבה ווירקט שעפעריש זייער פאַרשידנאַרטיק.

ווען איך בין מיט עטלעכע יאָר צוריק געווען אין קרית־שלום, וואָס צווישן תל־אביב און חולון אין דער שטוב־אַטעליע פון דער מאָלערין פרומע בעקער ע״ה, האָבן זיך מיינע אויגן אָנגעהאָנגען אין די ווייטע, אַנטקעגנאיבערדיקע הרי־יהודה מיט וועלכע כ׳האָב זיך געהאַט פריער אַנטציקט פון דער נאָענט, אין ירושלים. אויפן ווייטן האָריזאָנט האָבן איצט די בערג, איינגעוויקלט אין אַ העלן, דורכזיכטיקן נעפל, מיסטעריעז געשלענגלט זיך, לייכט וויברירט און פאַסצינירט מיט זייער כישופדיקן רייץ. נישט קאָנענדיק אָפּרייסן מיינע בליקן, האָב איך נאָכן לאַנגן באַזוך ביי דער קינסטלערין זיך אויף ס׳ניי דערמאָנט אין דעם וואָס קונסט־קענער האָבן שוין אַזוי פיל מאָל געשריבן, און נעמלעך, אַז די פּראַכט פון דער נאַטור איז מזל־ברכה פאַר דער קונסט נישט נאָר אין איין ריכטונג, זי קאָן רעגן שעפעריש אַלזייטיק.

דאָס איז געווען מיין לעצטע באַגעגעניש מיט ישראלדיקער קונסט. כ׳האָב שוין געהאַט באַזוכט נישט ווייניק גאַלעריעס און איינצלנע אַטעליעס, געזען שאַפונגען פון פאַרשידענע זשאַנרען. כ׳האָב אויך געזען שאַפונגען פון גאָר יונגע טאַלאַנטן, ווי דאָס איז די יונגערע טאָכטער פון זשורנאַליסט מרדכי שנער ע״ה און שאַפונגען פון מענטשן, וועלכע האָבן אין שפּעטן עלטער זיך אָנגעהויבן צו פאַרען מיט קונסט. כ׳האָב אויך באַגעגנט פרויען־מאָלערינס, וועלכע האָבן אין עלטער פון 50 יאָר זיך אַוועקגעזעצט אויף דער שול־באַנק פון דער תל־אביבער קונסט־אַקאַדעמיע און האָבן זי פאַרענדיקט מיט דערפאָלג.

אויסשטעלונגען אין גאַלעריעס פון געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, ווי דאָס שלום־עליכם־הויז, לייוויק־הויז און אין פּריוואַטע גאַלעריעס זענען טאָג־טעגלעכע זאַכן. ישראלדיקע פּלאַסטישע קינסטלער זענען אין דער אַלגעמיינער שאַפונגס־ספערע, וואָס איז פול מיט דינאַמיזם, אַ גרויסער יש. און איז דען נישט מערקווירדיק, וואָס דווקא איצט, אין צייטן פון מלחמה שטימונגען איז אויפגעבויט און דערעפנט געוואָרן אין תל־אביב אַ נייער קונסט־מוזעאום פון גאָר אַ גרויסן פאַרנעם און מיט די סאַמע מאָדערנסטע איינריכטונגען? הכלל עס גייט אָן אין דער יידישער

מדינה אַן אימפּאָזאַנטע שעפערישקייט און אַקטיוויטעט אויפן געביט פון פּלאַסטישער קונסט.

לאָמיר דערביי נישט פאַרגעסן, אַז ישראל האָט ראשית כל געירשנט פון דער טראַדיציע די דעקאָראַטיווע קונסט, וואָס האָט קיין מאָל נישט געהאַט קיין רעליגיעזע פאַרבאָטן, ווי די פּלאַסטישע קונסט, און געקאָנט זיך פריי אַנטוויקלען אין קאָלירטע צייכענונגען, אילוסטראַציעס צו ספרים, אין פאַרשידענער אָרנאַמענטיק, אין אויסאַרבעטונגען פון קופּער, זילבער, גאָלד, און אַנדערע מעטאַלן, און אין האָלץ. דאָס אַלץ ציט ווייטער דעם פאָדים און ווערט קולטיווירט אויף פאַרשידענע אופנים, דער עיקר דורך דער גרויסער "בצלאל"־שול. אָבער נעבן דער דעקאָראַטיווער קונסט האָט זיך שטורמיש אַ הויב געטאָן די פּלאַסטישע קונסט, וואָס גייט מיטן ריטעם פון דער מאָדערנער קונסט און אינספּירירט זיך פון די גרויסע קונסט־שטראָמען און מייסטערס, ווי מאָדיליאַני, סוטין, פּיקסאָ, מאַטיס, שאַגאַל. און ס'באַקומט זיך דער איינדרוק, אַז צווישן איינפלוסן און זוכענישן פורעמט זיך אויס עפּעס אייגנס, ישראלדיקס.

וועגן דעם אַלעמען וועט נאָך מסתמא אויסקומען צו שרייבן אויספירלעכער. דערווייל וואָלט איך געוואָלט פרוון באַקענען דעם יידישן לייענער מיט אַ מאָלערין ביי וועלכער כ'האָב פאַרבראַכט נישט איין טאָג. איך ווייס נישט צי פרומע בעקער ע"ה, וועלכע האָט שוין געהאַט מער ווי אַ האַלבן טוץ אויסשטעלונגען אין לאַנד, איז באַקאַנט אויסער ישראל. אויב נישט האָט זי פאַרדינט ערלעך מ'זאָל זיך באַקענען מיט איר שאַפערישער קונסט.

זי איז געווען אַן אייגנאַרטיקע קינסטלערין, הן אין איר מאָלערישן מהות, הן אין איר קינסטלערישן וועג. אַן אפּשטאַמיקע פון אַמאָליקן יידישן לאָדזש, האָט זי יונג אָנגעהויבן איר באַרוף, און אָנגעהויבן האָט זי דווקא פון דעקאָראַטיווער קונסט — זי האָט געמאָלן אויף פּאָרצעליי. ביי איר אין שטוב האָב איך געזען הענגען טעלעכע פאָרצעליי־טעלערס. די פאַרביקע געמעלן אויף זיי זענען אויסערסט סובטעל. פירט מען מיט די אויגן איבער די ווענט פון די טעלערס צו אירע בילדער, איז נישט שווער זיך איבערצוצייגן, אַז דאָס דעקאָראַטיווע איז פאַרשוווּנדן אָדער כמעט פאַרשוווּנדן, אָבער דאָס סובטעלע איז פאַרבליבן.

די מאָלערין האָט אין איר יוגנט אויך געגאַרט צו ווערן אַ סקולפּטאָר. און אויך די דאָזיקע נייגונג איז אין אַ סך בילדער קענטיק. די אַרכיטעקטאָניק אין געוויסע בילדער, ווי בכלל די קאָמפּאָזיציע, איז ווי געהאַמערט, הגם זי פאַרמאָגט איינצייטיק אַ סך ווייכקייט, עלאַסטישקייט, בויגעוודיקייט. די הויפּטשטריכן אָבער פון איר קונסט, וואָס באַשטייט דער עיקר פון אייל־בילדער, טיילוויז פון אַקוואַרעלן, צייכענונגען, מיניאַטורן, איז איר פאַרבן־גאַמע, די געדעמפּטקייט פון די קאָלירן און זייער ניואַנסירונג, און אחרון אחרון — די נשמהדיקייט און דער ליריזם.

פרומע — אַזוי האָט אונטערגעשריבן די קינסטלערין אירע שאַפונגען — פאַרמאָגט אַ רייכע פּילפאַרביקע פּאַליטרע פון וועלכער עס טיילן זיך באַזונדער אויס צוויי קענגזעצלעכע פאַרבן, אַ קאַלטע און אַ וואַרעמע, דער גרין און דער רויט, וואָס יעדערע באַזונדער איז טייל מאָל די איינציקע מאָלערישע מאַטעריע פון אַ בילד. דער קאַלטער גרין אָבער איז בכלות אַרויסצוברענגען סובטעלע אינטימקייט, צערטלעכקייט, און דער וואַרעמער רויט פּלאַמט נישט און שרייט נישט ווי ער וואָלט איינגעלאָשן

געווען. בדרך כלל זענען אירע פאַרבן רואיקע און אויסערסט ניואַנטירט, אַזוי צום ביישפּיל גייט איבער דער גרין דורך טונקעלע און העלערע פלעקן און ניואַנסן צו פּערל־גרוי.

קוקט מען אויף די רייכע, ניואַנסירטע פאַרבן דוכט זיך, אַז זיי פליסטערן שטיל, תמימותדיק – אָט דאָ מורמלען זיי אַ שטילן, האַרציקן ניגון, און אָט דאָ ווידער פליסטערן זיי אַ תפילה. אָבער דער תפילה־געפליסטער איז נישט האַרצרייסנדיק, נאָר געמיטלעך. דערביי האָט פרומע געהאַט אַ דרייסטן פענדזל, געלייגט די פאַרבן־פלעקן מיט אַ ברייטער באַוועגונג און דורך די ברייטע, געדיכטע פאַרבן־פלעקן אָנגערירט די דינסטע האַרץ־סטרונעס, אַרויס ברענגענדיק אַן אינערלעך לעבן, אַ פאַרבאָרגענע וועלט. אָט איז אַ גרויס אייל־בילד פון צוויי קינדער: זיי שלאָפן. זייער שלאָף איז אַ שטאַרקער, אָבער אַ רואיקער און אין רואיקן שלאָף קומט דאָך עפּעס פאָר. איר פילט ממש ווי זיי חלומען קינדערשע חלומות, שיינע חלומות ווי עס קאָנען נאָר חלומען קינדער. אויף אַן ענלעכן בילד שלאָפט אַ פרוי. איר שלאָף איז אַ געשמאַקער, אַזאַ געזונטער, אַז עס דוכט: מען פילט און הערט איר שטילן, רימעמישן אָטעמען. און אָט איז אַ יונגער אַרבעטער, וואָס זיצט אַ פאַרמאַטערטער אויף דער באַנק מיט אין אָנמאַכט אַראָפּגעלאָזענע הענט, דער קאָפּ לייכט זייטיק פאַרוואָרפן, דער קערפּער אָנגעבויגן פון שווערער האָרעוואַניע, די מידקייט שפּאַרט אַזוי אַרויס פון אים, אַז זי פאַרגליווערט אים. און דאָך דריקט דאָס בילד, געהאַלטן אין פילקאָלירטע, געדעמפטע טענער, נישט אויס קיין סתם פאַרמאַטערטקייט, נאָר אויך אַן אינערלעכן געמיט־צושטאַנד, אַן אויסבאַהאַלטענעם אומעט. דער אומעט איז אָבער אַ שטילער, אַ רואיקער, גלייך דער אַלטער אויסגעמאַטערטער ייד אויף וועמענס פּנים ס'זענען אויסגעגאָסן דאגות און שווערע זאָרגון פון אַ גאַנץ לעבן, און וועמענס איין אויג איז אויסגעקרימט, פאַרזשמורעט ווי פון צוקוקן זיך צו אַלע יידישע צרות, פאַרמאָגט אין זיך עפּעס פון אינערלעכער באַזאַכטקייט.

פרומעס פענדזל איז געווען געבענטשט מיט פילזייטיקייט. זי חזרט זיך זעלטן ווען איבער, גיכער איז זי אַלע מאָל אַנדערש און ס'איז קענטיק, אַז די קינסטלערין האָט געזוכט נייע אויסדרוק־מיטלען. אָפטמאָל, זוכנדיק, טרעט זי אַרויף אויף דער גרענעץ צווישן פיגוראַטיוון און אַבסטראַקטן, וואָס פלעכטן זיך צוזאַמען. אינטערעסאַנט זענען אין דעם פּרט אירע ישראל־פּייזאַזשן, וואָס אָטעמען מיט אַ סך שיינקייט. די הרי־יהודה, געמאָלן אין פאַרשידענע וואַריאַנטן, דאָ אין רויט־געל, דאָ ווידער אין סובטעלן גרין־געל, זענען שלענגלדיקע כוואַליעס, קנוילן הוילע מאָלערישע מאַטעריע אָן פּרעציזע קאָנטורן פון בערג, אָן אַ הימל איבער זיי, בלויז אין דער ריזלדיקער, אָנגעלאָדענער פאַרבן־סובסטאַנץ, אין דעם געפלעכט פונעם אַבסטראַקטן און פיגוראַטיוון דערזעען מיר דעם צויבער, דעם כישוף פון די ישראלדיקע בערג.

און צום סוף ווילט זיך ביי דער געלעגנהייט באַרירן אַ פּראָבלעם, וואָס האָט פונקט אַזאַ שייכות צו קונסט ווי צו ליטעראַטור: עס גייט אין איינפלוסן, אין ווירקונגען.

אויף די ווענט צווישן די סך בילדער האָט זיך מיר געהאַט געוואָרפן אין די אויגן אַ געשאָכטענער האָן אין רויט. אַזאַ האָן דערמאָנט גלייך סוטינס "געשאָכטענע", דער עיקר "דער האָן און די טאָמאַטן". און כ'האָב טאַקע געהערט, אַז געוויסע בילדער פון דער קינסטלערין זאָלן זיין אונטערן איינפלוס פון סוטינען, איר רויט זאָל צומאָל זיין

ענלעך צו סוטינס רויט.

טראַכט מען זיך טיפער אַריין, מוז מען קומען צום אויספיר, אַז קינסטלער קאָנען האָבן עפּעס געמיינזאַמס זייענדיק לחלוטין אַנדערשדיק. סוטינס רויט איז דראַמאַטיש, בלוטיק, פייערדיק, ווי דער פייער וואָס האָט געברענט אין קינסטלער גופא. סוטין, דער באַרימטער מאָלער פון אינסטינקט, האָט נישט קיין פּרעציזקייט אין זיין מאָלעריי, ער האָט כלל נישט געצייכנט, נאָר געמאָלן ווי אין שיכרות.סוטינס ברויזנדיקער אומרו האָט אַרויסגעבראַכט דעם אינעווייניקסטן אַנגסט, דעם וויי־געשריי. פון זיין אָפּגעשונדענעם אָקס שרייט דאָס רויטע בלוט מיט אַ טראַגישן געשריי; אין זיין געשאָכטענעם האָן זענען פאַראַן צאַפּלענישן פון לעבן, מיסטעריעזע שרעק פון לעבן. ס'איז טראַגישער געראַנגל, אַלץ איז ביי סוטינען טראַגיש, פונקט ווי ער אַליין איז געווען טראַגיש. ס'טרעפט זייער אָפט, אַז אַ שעפער אידענטיפיצירט זיך מיט זיין קונסט. און ס'איז זעלטן אַזאַ אידענטיפיקאַציע ווי ס'איז געווען סוטין און זיין מאָלעריי.

פרומע בעקער אידענטיפיצירט זיך אויך ווי זעלטן ווער מיט איר מאָלעריי, אָבער דורך איר געמיטלעכקייט, האַרציקייט, חנעוודיקייט און צאַרטפיליקייט. ניין, איר געשאָכטענער האָן שרייט נישט, ראַנגלט זיך נישט צווישן לעבן און טויט, גיכער נעמט ער רואיק אויף זיין גורל.

אָבער עפּעס איז פאַראַן וואָס דערמאָנט. און נישט נאָר דאָס אויבן דערמאָנטע בילד. קוקט מען זיך גוט איין אין פּנים פון דערשעפּטן, פאַרמאַטערטן אַרבעטער, דערזעט מען לסוף אויך עפּעס פון סוטינען. וואָס? אפשר עפּעס פון קינסטלערס פּנים גופא, פון זיין שטאַרן בליק און זיין פאַרזינקענקייט אין זיך גופא?

אמתע קונסט ווייסט נישט פון קיין גרענעצן, פון קיין צוימען, פון אַריינפּאַסן זיך אין ריכטונגען, פון אונטערליגן געוויסע באַשטימטע איינפלוסן. אין תוך איז די מאָלערין פרומע בעקער, פונקט ווי נאָך אַנדערע ישראלדיקע מאָלער, נאָענט צו דער פראַנצויזישער מאָלעריי, און זי קאָן אויך זיין אינספּירירט דאָ און דאָרט פון סוטינען, וועלכער איז מיט זיין עקספּרעסיאָניסטישן אויסדרוק נישט געגאַנגען אין די דרכים פון דער פראַנצויזישער מאָלעריי.

דאָס סאַמע כאַראַקטעריסטישע איז וואָס ביי אַלע איינפלוסן, קריסטאַליזירט זיך שטופנווייז אויס ביי דער קינסטלערין אַן אייגענער זשאַנער. אפשר אַ ישראלדיקער ספּעציפישער זשאַנער וואָס ווערט דורך פאַרשידענע זיגזאַגן געבוירן אונטער די זוניקע הימלען פון לאַנד.

די אייגנאַרטיקע נאַטור־שיינקייטן, די היסטאָרישע מערקווירדיקייטן, דאָס ברויזנדיקע ישראל־לעבן און דער באַפרייטער יידישער נשמה־ניגון לייגן אַן ספק אַלע מאָל מער זייער חותם אויף דער אויפשטייגנדיקער ישראלדיקער פּלאַסטישער קונסט, פונקט ווי אויף אַנדערע געביטן פון שעפערישקייט. פרומע בעקער איז נישט געווען קיין אויסנאַם. מ'האָט נאָך געקאָנט אַ סך דערוואַרטן פון איר. איר שווערע קראַנקייט און איר שיידן זיך מיט אַ יאָר צוריק מיט דער וועלט איז אַ גרויסער שאָדן פאַר דער ישראליקער קונסט און אַ גרויסער צער פאַר אירע פריינד און פאַרערער.

מיכאל מירסקי / קאָפּנהאַגן

# וועגן דער ליטעראַרישער קאָנצעפּציע פון נעאָ־קאָנסערוואַטיסט פּאָדהאָרעץ [1]

אין דער פּוילישער קוואַרטלשריפט "קריטיקאַ", נומ. 34, 35 האָט אַנדזשעי ווערנער פאַרעפנטלעכט אַן אינטערעסאַנטן אַרטיקל אונטערן טיטל "אויף אַן אומדערטרעגלעכן קרייצוועג". דאָס איז אַן אָפּהאַנדלונג וועגן בוך פונעם אַמעריקאַנער פּובליציסט פּאָדהאָרעץ, וואָס הייסט "בלאַדי קראָסראָד" (דער בלוטיקער קרייצוועג), דערשינען אין 1991 אין פּוילן אין דער איבערזעצונג פון בלאַנקאַ קרוטשבאָרסקי.

אַנאַליזירנדיק די טעזע פונעם אַמעריקאַנער נעאָ־קאָנסערוואַטיסט פּאָדהאָרעץ וועגן בלוטיקן קרייצוועג צווישן דער פּאָליטיק און דער ליטעראַטור, פאַרגלייכט אַנדזשעי ווערנער די געשעעניש (די באַגעגעניש אויפן קרייצוועג) צו אַ צוזאַמענשטויס צווישן אַ טאַנק און אַ פייגעלע, פאָרויסזעענדיק, אַז "דער קרבן קאָן דאָ בלויז זיין איינער – די ליטעראַטור".

דער פאַרגלייך שיינט צו זיין איבערצייגעוודיק, אָבער בלויז אויבנאויף, ווייל אויב מען זאָל אָביעקטיוו פעסטשטעלן, ווער ס'איז געפאַלן און ווער ס'איז אַרויס מיט אַ נצחון פונעם צוזאַמענשטויס, וואָלט זיך אַרויסגעוויזן, אַז בשעת דער "פּאָליטישער טאַנק" פון זשדאַנאָוס איינשטעלונגען וועגן קונסט וואַלגערט זיך שוין פון לאַנג אויפן מיסטקאַסטן פון דער געשיכטע, געדאַיעט דאָס פייגלע, למשל, פון באָריס פּאַסטערנאַקס "דאָקטאָר זשיוואַגאָ" אין בליאַסק פון זיין קינסטלערישער באַווירקונג.

און אַזוי איז אויך געווען היסטאָריש. ענלעך איז אין 19־טן יאָרהונדערט געווען דער גורל פונעם "פּאָליטישן טאַנק" פון דעם ווילדסטן רעאַקציאָנער, דעם צענזאָר אַראַקטשעיעוו, אין זיין בלוטיקן צוזאַמענשטויס מיטן שאַפן פון פּושקינען, לערמאָנטאָוון, דרוזשינינען, דאָסטאָיעווסקין, טאָלסטאָיען, שעווטשענקאָן. ווער איז פאַרשוווּנדן? ווער לעבט?

אויך אַזוי איז געווען אין פּוילן אין יאָר 1968, ווען דער "פּאָליטישער טאַנק" פון גאָמולקען האָט זיך אַריינגעריסן אין טעאַטער כדי בלוטיק זיך אָפּצורעכענען מיט מיצקעוויטשעס "דזאַדי" אין דער רעזשי פון דעימעקן. דער רעזולטאַט איז באַקאַנט: דער "פּאָליטישער טאַנק" ליגט אַ צעשמעטערטער...

נאָר אַנדזשעי ווערנער, זייענדיק מסכים מיט פּאָדהאָרעצן, אַז אין מזרח־אייראָפּע האָט זיך די ליטעראַטור געפונען אונטער אַ טאָג־טעגלעכן פייער פון "פּאָליטישן טאַנק" פון סטאַליניסטישן רעזשים, האָט אויפגענומען מיט אים אַ פּאָלעמיק אין שייכות מיטן ליטעראַרישן שאַפן אויפן מערב, לגבי וועלכן פּאָדהאָרעץ באַמיט זיך אויך אָנצווווענדן זיין "פּאָליטישע מאָנאָמאַניע", זוכנדיק אין יעדן ליטעראַריש ווערק

---

1) דער באַקאַנטער שרייבער און פּובליציסט מיכאַל מירסקי האָט לעצטנס באַזוכט לאָס־אַנדזשעלעס, ווו ער איז וואַרעם אויפגענומען געוואָרן. צו דער געלעגנהייט דרוקן מיר זיינס אַ ליטעראַרישן עסיי, וועלכער וועט זיכער זיין אינטערעסאַנט פאַר אונדזערע לייענער.
רעד.

די פּאָליטישע זעלבסטבאַשטימונג פונעם מחבר, אָדער די פּאָליטישע אָביעקטיווע איינשטעלונג פונעם ווערק.

אַזוי, למשל, באַווייזט אַנדזשעי ווערנער מיט רעכט די אַבסורדאַלע קריטישע מעטאָדאָלאָגיע פון פּאָדהאָרעצן, ווען ער באַמיט זיך זי אָנצוווענדן לגבי קאַמיס "דזשומע" (די פּעסט) און "1984" פון אָרוועל.

פּאָדהאָרעץ איז קודם כּל פאַראינטערעסירט צו וויסן דעם ענטפער אויף דער פראַגע, שרייבט אַנדזשעי ווערנער, וועלכע היסטאָרישע (פּאָליטישע)ווירקלעכקייט שטעקט הינטער דער "פּאַסאַדע" פון דער אַלעגאָריע פון דער "דזשומע"... און ער ענטפערט, אַז די "דזשומע" איז פּראָסט און פשוט די אַלעגאָריע פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג בעת דער דייטשישער אָקופּאַציע. אַנדזשעי ווערנער איז שטאַרק עמפּערט מחמת דער דאָזיקער קאָנסטאַטאַציע פון פּאָדהאָרעצן און ער שרייבט, אַז "דעם אַמעריקאַנער פּובליציסט פאַלט אַפילו נישט איין אויף אַ רגע דער געדאַנק, אַז אפשר איז די "דזשומע" קיין שום שיפער נישט פון וועלכער ס'איז קאָנקרעטער ווירקלעכקייט".

אַ. ווערנער זוכט די סיבות פון פּאָדהאָרעצעס פּאָליטיאָמאַניע און געפינט זי אין זיין "ליטעראַרישער טויבקייט". מען קאָן, פאַרשטייט זיך, מסכּים זיין מיט דער דאָזיקער טרעפלעכער באַצייכענונג. דאָך פאַרנעמט זי ביי פּאָדהאָרעצן אַ צווייטראַנגיק אָרט. אַנדזשעי ווערנער האַלט, אַז פּאָדהאָרעץ שטעקט בכלל אינעם "סטיל פון פּאָליטישן דענקען". אָבער מיט דער דאָזיקער איינשטעלונג האָט ער זיך נישט גערוקט פאָרויס. דערמיט האָט ער פעסטגעשטעלט בלויז פּאָדהאָרעצעס פּאָליטישן קרעדאָ אַלס נעאָ־קאָנסערוואַטיסט. פּאָדהאָרעצעס זינד באַשטייט נישט דערין וואָס ער באַנוצט זיך מיטן "סטיל פון פּאָליטישן דענקען". דערויף איז ער אַ נעאָ־קאָנסערוואַטיסט. זיין זינד באַשטייט דערין, וואָס זיין "סטיל פון פּאָליטישן דענקען" ווענדט ער אָן לגבי דעם קינסטלערישן שאַפן, אַטאַקירנדיק דערמיט נישט בלויז זיין אויטאָנאָם וועזן, נאָר וואָס ער אונטעראָרדנט ליטעראַטור פּאָליטישע צילן...

מיטן אַריינברענגען די טעזע פון "סטיל פון פּאָליטישן דענקען" אַלס ערשטראַנגיקן פאַקטאָר, האָט אַנדזשעי ווערנער אייגנטלעך אָפּגעשוואַכט זיין פעסטשטעלונג וועגן פּאָדהאָרעצעס "ליטעראַרישער טויבקייט". און נישט צופעליק, ווי מיר וועלן עס באַלד זען.

די סיטואַציע ענדערט זיך פולשטענדיק, ווען פּאָדהאָרעץ נעמט אויפן וואָרשטאַט די שאַפונג פונעם אָנגעזעענעם טשעכישן שרייבער קונדעראַ. אמת, פּאָדהאָרעץ האָט גרויס פאַרשטענדעניש פאַר דער סובטעלקייט פון קונדעראַס קינסטלערישער טעטיקייט. ער אָקצעפּטירט זיין אומחן צו דער צודרינגלעכקייט פון די קאָמוניסטן, וועלכע האָבן פאַרלאַנגט פון אים פּאָליטישע אַנגאַזשירונג פון זיינע ראָמאַנען. נאָר מיט גרויס פאַרביטערטקייט נעמט ער אויף קונדעראַס דערקלערונג, אַז מיט קיין שום פּאָליטיק פון... "באַשולדיקן דעם סטאַליניזם האָט ער זיך אין זיין שאַפן נישט פאַרנומען"...

אין דעם מאָמענט, שרייבט אַנדזשעי ווערנער, האָב איך חשק צו פּראָטעסטיקן קעגן דעם איבערמעסיקן אַריסטאָקראַטיזם פון קונדעראַ און זיך אַוועקשטעלן ביי דער זייט פון פּאָדהאָרעצן. נאָר דאָס איז געווען ערשט דער אָנהייב פון זיין אַריבערגיין אויף די פּאָזיציעס פון פּאָדהאָרעצן. אמת, ער איז נישט אַזוי צודרינגלעך ווי פּאָדהאָרעץ אין זיין סוגעסטיע צו פאַרפּאָליטישן די ליטעראַטור. אָבער אויך ער דריקט צו קונדעראַן

צו דער וואַנט, ווען ער שרייבט:

"עס אַנטשטייט אַ פראַגע, פאַרוואָס מיידט אויס אַזוי פאַרעקשנט קונדראַ אין זיינע ראָמאַנען צו באַרירן וועלכן ס'איז פּאָליטישן מאָמענט?" דאָך דריקט אויס אַנדזשעי ווערנער צום סוף פון זיין אַרטיקל... מער ווי האָפענונג, אַז אין זיין ווייטערדיקער קינסטלערישער טעטיקייט וועט קונדראַ זיך נישט אונטערגעבן דעם רייף פון ליטעראַרישער באַגרענעצונג, פון פאַרמאַכן די פענצטער און פאַרשליסן זיך אינעם פּאַלאַץ פון "דער אייראָפּעישער קולטור".

שוין די סאָוועטישע פּאָליטישע משגיחים איבער ליטעראַטור האָבן נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה אויך אויסגעדריקט זייער האָפענונג, אַז דער אָנגעזעענער שרייבער פאַדייעוו וועט אין זיין קינסטלערישער טעטיקייט אַרויסגיין פון די ראַמען פון אָבסאָלוטער ליטעראַרישקייט... די דאָזיקע "עצה" האָט באַוויגן פאַדייעוון, אַז ער זאָל אין זיין פּרעכטיקן ראָמאַן "די יונגע גוואַרדיע" אַריינפירן אַ "פּאָפּראַווקע": פאַרפּאָליטישן, פאַרפּאַרטייאישן זיין ווערק. מיט דער דאָזיקער "פּאָפּראַווקע" איז פאַדייעוו אַוועק פון קינסטלערישן אמת פון זיין ראָמאַן. זיין חן, וועלכער איז באַשטאַנען אין דער זעלבשטענדיקייט, איניציאַטיוו, פּערזענלעכער אחריות פון דער גרופּע יוגנטלעכע, וואָס האָט אונטערגענומען אין הינטערלאַנד אַ קאַמף מיטן דייטשישן אָקופּאַנט — איז פאַרשוווּנדן... דער מחבר האָט אַ תל געמאַכט פון זיין ראָמאַן.

פאָדהאָרעץ אינטערעסירט מיך ווינציק וואָס. פאַר אים איז אַלץ קלאָר, איינפאַך און פּרימיטיוו. פאַר אים האָט דאָס ליטעראַרישע שאַפן אויף אַזוי פיל אַ ווערט, אויף וויפל עס רעאַליזירט זיין באַדינערישע פונקציע לגבי דער לויפיקער פּאָליטיק, וועלכע ער פּאָסטולירט יעדן מחבר פון אַ ליטעראַריש ווערק.

אָבער פון וואַנען נעמט זיך די בלאָנדזשעניש צו אַנדזשעי ווערנערן? אַפילו אין די ערגסטע צייטן פון זשדאַנאָווישן קאַטעכיזם אין פוילן, האָט אַרטור סאַנדאַוער פאַרטיידיקט קאָמפּאָמיסלאָז די אומאָפּהענגיקייט פון דער עסטעטיק און געשאַפן אין גייסט פון אירע פּרינציפּן.

לויט מיין מיינונג שטאַמט דאָס פון אַ פאַלשער אויפפאַסונג פונעם וועזן גופא פון דעם קינסטלערישן שאַפן.

אין מיינע לעצטע ליטעראַריש־קריטישע אַרבעטן האָב איך בלויז פראַגמענטאַריש אָנגעדייט אויף מיין נייעם בליק אויפן קינסטלערישן שאַפן. (אין דער רעצענזיע וועגן מרדכי צאַנינס "גזר דין" אין די "לעצטע נייעס", און וועגן ראָמאַן "בער יאָדלער" פון מנוחה ראם אין "די צוקונפט"). דאָ וויל איך פּרינציפּיעל און גענויער רעפערירן מיין קאָנצעפּציע.

דאָס קינסטלערישע שאַפן אין ברייטסטן פאַרנעם איז נישט קיין קאָפּיע פון דער רעאַלער ווירקלעכקייט און אויך נישט קיין אָפּשפּיגלונג פון דער רעאַלער ווירקלעכקייט, ווי דאָס איז געוויינטלעך אָנגענומען. דאָס קינסטלערישע שאַפן אין זיינע פאַרשיידענע מינים, פאָרמען און אויסדרוקן איז אַן אַנדער, אַ נייע ווירקלעכקייט, דורכן קינסטלערער געשאַפענע. די קונסט האָט איר קינסטלערישן אמת. איר אמת איז טיפער, ברייטער, רייכער,

קאָמפּליצירטער ווי דער רעאַלער אמת. וועלכן די מענטשן דערקענען.

"די קונסט וויל נישט זיין צווייטראַנגיק לגבי עפּעס – שרייבט דער אָנגעזעענער ליטעראַטור־קריטיקער אין הײַנטיקן פּוילן, הענריק ברעזאַ. – זי וויל נישט איבערחזרן עפּעס־וואָס, איר עלעמענטאַרע אַמביציע איז נישט די איבערחזרונג, נאָר די אייגנאַרטיקייט פון אירע רעלאַציעס צו דער וועלט". ("טוורטשאָשטש", וואַרשע, מערץ 1991).

דאָס קינסטלערישע שאַפן קאָן שעפּן פון מאָדעלן פון דער רעאַלערווירקלעכקייט, נאָר די מאָדעלן, קינסטלעריש געשטאַלטיקטע, זענען שוין אַנדערש ווי די מאָדעלן פון דער רעאַלער ווירקלעכקייט, ווייל צווישן זיי שטייט דער קינסטלער.

שוין אין אַלטערטימלעכן גריכנלאַנד האָט געשריבן פּלאָטאָן וועגן קינסלערישן אמת אַלס "אַן אומאָפּענגיקן פון דער צופעליקער ווירקלעכקייט" (וולאַדיסלאַוו טאַטאַרקעוויטש "עסטעטיקאַ סטאַראָזשיטנאַ" – אַלטערטימלעכע עסטעטיק, ז' 148). אויך ציצעראָ פון רוים האָט באַמערקט די ערשטראַנגיקע ראָל פון דער קינסטלערישער ווירקלעכקייט. אין אונדזערע צייטן האָט דער רוסישער פּאָעט וואַלערי בריוסאָוו דערויף אויפמערקזאַם געמאַכט. אויך דער יידישער דיכטער דוד האָפּשטיין האָט געשריבן אַז די ליטעראַטור שפּיגלט נישט אָפּ די רעאַלע ווירקלעכקייט, נאָר שאַפט אַ נייע, זעלבשטענדיקע קינסטלערישע ווירקלעכקייט.

אַזוי קומט דאָס פאָר אין דער ליטעראַטור, מאָלעריי, סקולפּטור, אַרכיטעקטור, מוזיק. ביז סערוואַנטעסן האָט קיינער נישט געוווסט פון אַ דאָן קיכאָט. די דאָזיקע באַמערקונג איז נוגע בייראָנס דאָן זשואַן, האַמלעטן פון שעקספּיר, פאַוסטן פון געטע, אַנאַ קאַרענינאַ פון טאָלסטאָיען, כלעסטאַקאָוון פון גאָגאָלן, דאָסטאָיעווסקיס ראַסקאָלניקאָוו, שלום עליכמס טוביה דער מילכיקער, ד"ר יודים פון זשעראָמסקין, זאַגלאָבאַ פון סיענקעוויטשן, דעם קאַרגן פון מאָליערן און אַנדערע געשטאַלטן פון דער וועלט־ליטעראַטור. די רעאַלע מענטשן האָבן ערשט אָנגעהויבן צו פאַרגלייכן זייער אַרומיקע סביבה מיט די קינסטלערישע געשטאַלטן. מען זאָגט: "אָט האָסטו אַ שטיק האַמלעט", "אָט האָסטו אַ טיפּ פון אַ כלעסטאַקאָוו", "אָט דאָס איז אַ דאָן זשואַן".

ליידער, אין אַרטיקל פון אַנדזשעי ווערנער איז נישט פאַראַן קיין רמז אַפילו וועגן קינסטלערישן אמת, זיין ראָל און באַטייט אינעם לעבן פון די רעאַלע מענטשן. אַנדזשעי ווערנער האָט זיך געלאָזט פּראָוואָצירן פון דער אַבסורדאַלער פּובליציסטיש־פּאָליטישער אינטערפּעטאַציע פון פּאָדהאָרעצן, דעם אַמעריקאַנער נעאָ־קאָנסערוואַטיסט, ביז ער האָט זיך אַליין אונטערגעגעבן זיין באַנאַלער, פּרימיטיווער ליטעראַטור־קריטישער מעטאָדאָלאָגיע.

חנן קיעל / ניו־יאָרק

## אַ גאַסט אין פּורטוראַמע־לאַנד

אויף יענער זייט בלענדיקן דעמער,
אין די אויסגעשטערנטע נאַכט־טונעלן,
מיט זילבער־פעדעם אויסגעשפּינטער פוטוראַמע
געשפּילט כ׳האָב דאָ שוין אין דער דראַמע.

ערב אַלע רענעסאַנסן
האָב איך דאָ אָפּגעחלומט אַ לעבן;
געל־פאַרוויאַנעטע זכרונות דרעמלען נאָך
אין חושכדיקן טראַכט:
דאָ, אויף דער צעקנייטשער מאַפּע
האָב איך שוין אַ מאָל פאַרבראַכט.

אונדזערע עפּאָסן טרויעריקע קרייזן נאָך
אַרום די פּאַראַלעלן
פון אַ קליינשטעטלדיקן מידן פּלאַנעט;
פאַרגאַפּטע אייניקלעך קלייבן די שפּורן
פון אַלט־פאַרגעסענע קולטורן,
לידער־קרישקעס פון אַ יידישן פּאָעט.

אויף יענער זייט פליען נאָך די פעדערן
פון צעברענטע גאָלדענע פּאַוועס,
בענקענישן פון לבנהדיקע מיידלעך
וואונדער־מגילות ערב דעם פאַרלענד;
אין דער אויסגעטראַכטער פוטוראַמע
האָב איך מיין וועלט, מיין אייגענע דערקענט.

(1991)

## Les Miserables

דורשטיקע טיימסקוועער־נאַכט שווער־אָטעמדיק
אין אויסגערימטן בראָדוויי,
ליכט־קאָלירן ציטערדיקע שטאַרן

ציטונג־מיסט אין ווינט, הפקרדיק צעלאָזן,
נאַכט פון גלוסטונג, דרעמל־מוזיק אין טונקעלע באַרן,
פאַרהוילענע ברודנע קראָמען,
צווישן שרעק און צער פלאָנטערט זיך אַ שאָטן
וואָס האָט פאַרתכלעוועט זיין נאָמען.

בראָדוויי־הימל, אין חושך די לבנה תמעוואַטע –
אַ צוגעקלעפּטע געלע לאַטע;
לימוזינען אין געאייל, בליצנדיקע שטערן־לעמפּ,
אין ווינקל טוליעט זיך אַן אָפּגעוועלקטער טרעמפּ,
איינגעשרומפּן דין און קליין פּיבערט נאָך אין קעלט
זיין פאַרשווונדענע ליבשאַפט צו דער וועלט.

## אין גראָזיקן שווייגן

שפּעטרעגן טריפט איף די אָפּגעזומערטע צווייגן,
און איך, פאַרעקשנט וואַרט נאָך אויף אירע טריט
אין גראָזיקן שווייגן;
נאָר אומגעדולדיק ווערן אין שטוב די האַרבסטיקע שויבן
דער באַרעכנטער קאַלענדאַר אויפן טיש,
מיינע שיכורע פערזן וואָס קריגן זיך איבער אַ קריש;
בלית ברירהדיק פאַרזונקען אין געקרייז
פון גלייכגילטיקן זייגער,
איך וואַרט נאָך אַלץ אויף אירע שאָטנדיקע טריט
מיט פאַרבענקטן נייגער.

מכוח אַלע געשעפטלעכע און פינאַנציעלע ענינים
בעטן מיר אַלעמען זיך צו ווענדן צו אונדזער פינאַנץ סעקרעטאַר:

NATHAN STEINMAN

12017 Goshen Avenue., Apt. 7 * L.A., CA 90049

פאַרוואַלטונג "חשבון" Phone: (310) 820-2976

# זייט איר שוין אַ מיטגליד אין

# אַרבעטער רינג?

דאָס איז די עלטסטע יידישע פראַטערנאַלע און
סאָציאַל-פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע.

דער אַרבעטער רינג גיט זיינע מיטגלידער אַ מעגלעכקייט צו זיין אַקטיוו אויפן געביט פון אָנהאַלטן אין אַנטוויקלען די נאַציאָנאַל-קולטורעלע אוצרות פון אונזער פאָלק צו אָרגאַניזירן אין די ראַמען פון די ברענטשע פראַטערנאַליזם און קעגנזייטיקע הילף.

פאַר גענויערע אינפאָרמאַציע שרייבט צו:

## THE WORKMEN'S CIRCLE

1525 S. Robertson Blvd. • Los Angeles, Calif. 90035

אָדער טעלעפאָנירט 552-2007 (213)

עקיבא פישבין / פּאַריז

# פייזאַזשן פון מדבר

אין דער יצירה פון רות לעווין שטעקט בלי־ספק אַ כוח. די לירישע צעיאַכמערטקייט פון פאַרבן, דער דראַמאַטישער אַקצענט פון די צעפּלאָסענע פאָרמען אירע — דאָס פאַרכאַפּט דאָס אויג, רעדט צום האַרץ און ווירקט אויף אונזערע געפילן עמאָציאָנעל. פון רות לעווינס אַ בילד גייט מען נישט אַוועק גלייכגילטיק.

רות לעווין, דאַרף מען באַמערקן, איז נישט קיין פּנים חדשות אין דער קונסט פון ישראל; זי איז באַקאַנט נישקשהדיק אין געוויסע קאַנטן פון אייראָפּע, אין אויסטראַליע און די פאַראייניקטע שטאַטן, און אַפילו אין עגיפּטן. זי איז אַ פּרייז־טרעגערן פון דער עיר הקודש ירושלים, פון דער אונעסקאָ און אויך פון פראַנקרייך. אירע בילדער געפינען זיך אין מוזייען און באַשיינען פּריוואַטע קאָלעקציעס פון ישראל, דענעמאַרק, שוועדן, האָלאַנד, פראַנקרייך, אויסטראַליע און אַמעריקע.

געבוירן איז די קינסטלערין אין דער עיר ואם בישראל — פּראַג, געלעבט דאָרט ביז צום עלטער פון 15 יאָר און באַוויזן נאָך אַ שולע פון גראַפיק צו באַזוכן. ווען די נאַצישע מגפה האָט געגומען באַהערשן פּראַג, איז רות לעווין, מיט אַ טייל פון איר משפּחה, עולה געווען קיין ארץ־ישראל. דאָ איז זי אַריין לערנען אין דער "בצלאל" — שולע אין ירושלים. זאָגן, אַז די יונגע דינאַמישע רות איז אין דער "בצלאל"־שולע געווען גליקלעך און צופרידן, איז אַ ליגן. זי האָט זיך דאָרט לאַנג נישט געכאַוועט. ווי אַ סך יונגע קונסט־אַדעפּטן דעמאָלט, איז זי אַוועק לערנען צום מייסטער מרדכי אַרדון. וועגן אים, זעט איר, רעדט רות לעווין מיט התפּעלות.

אַ פּעדאַגאָג איז ער געווען, אַרדון, זאָגט רות לעווין — איינער אין דער וועלט! כהרף־עין האָט ער פון תּלמיד די קינסטלערישע יכולת אָנגעטאַפּט, און אָן חלילה אים משפּיע צו זיין, האָט ער פּאָלירט דעם תּלמידס טאַלאַנט, כדי אויסוואַקסן זאָל ער אַ שאַפער מיט אַן אונטערשריפט. מרדכי אַרדון פלעגט אַריינרעדן אין זיינע תּלמידים, אַז אַן אמתער קינסטלער מוז האָבן אַן אייגענעם קינסטלערישן כתב מיט אַ חתימה אַן אייגענע.

די תורה פון רבין, ר' מרדכי אַרדון, גייט רות לעווין נישט אַרויס פון קאָפּ. זייט זי האָט דעם פּענדזל אין דער האַנט געגומען שטרעבט זי צו אַן אָריגינעלן קינסטלערישן אויסדרוק. דאָס איז שוין ביי איר אַזאַ כאַראַקטער־שטריך. דאָס אייביקע לעבן האָט זי ליב אַן אייגענעם וועג. מעג דעם דעת הקהל דאָס יאָ געפעלן און נישט געפעלן; דעת הקהל, זאָגט די קינסטלערין, איז נישט תורת משה מהר סיני...

רות לעווין איז אין לעבן אַרומגעפאָרן אַ סך, און זיך אָנגעזען אַ וועלט. מילא, שטרעמונגען נייע אין דער קונסט האָט זי געטראָפן אָן אַ שיעור. זי האָט געזען אין ים פון סטילן אַרומשווימען קינסטלער אויפריכטיקע און ווייניקער אויפריכטיקע. זי האָט געקענט קינסטלער בעלי־חלומות וואָס האָבן געזוכט אויפריכטיק אַ נייעם קינסטלערישן פּירוש פאַר מענטש און וועלט. זי האָט אָבער געזען אַזעלכע אויך, וואָס נאָר די מאָדע איז זיי געלעגן אין קאָפּ; יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק האָבן זיי געטוישט דעם "סטיל". זי קען אויך קינסטלער וואָס פאַרטאַכלעווען פּשוט זייער טאַלאַנט מיטן שמייכלען צום געשמאַק פון אַ קליענט.

ווי געזאָגט, גייט רות לעווין, מיט איר אייגענעם וועג; שפּאַן פון מאָדע, דאָס נאָכלויפן דעם געשמאַק פון קאָנסומענט – דאָס קלוימערשט "מאַכן יידישע קונסט" – דאָס איז איר דערווידער! אַ געוויסע צייט האָט זי געשפּאַנט אויפן וועג פון פיגוראַטיוון עקספּרעסיאָניזם, און קאָנטיק־שפּיציק געפילן אויסגעדריקט פון רעוואָלט. אירע געשטאַלטן האָט זי געפורעמט מיט אַ שרייעדיקן אַקצענט און אויך איר פאַרבן־פּאַלעטע האָט לייטיש געררישט.

נאָך יאָרן פאַרבראַכטע בחוץ לארץ, איז רות לעווין געקומען צוריק קיין ישראל; און ווען דערפילט האָט זי די ברענענדיקע לאַנד־רעאַליטעט אויף איר אייגענער הויט, האָט אַ באַדאַרף זיך געשטעלט צו מאַכן אַ חשבון־הנפש. זי האָט זיך געניוויקט אין אַ פרישן קינסטלערישן אָטעם.. איז וואָס'זשע האָט זי געטאָן?

אויפן שטייגער פון אונזערע אַלטערטימלעכע מורדים בדעת הקהל, וואָס בשעת הכושר פלעגן זיי אָפּזונדערן זיך פון מענטשלעכן געפילדער, אַוועקגיין אין מדבר און דאָרט דעם חשבון מאַכן, ווי ס'האַלט מיטן בן־אדם אויף דער זינדיקער ערד; אַזוי האָט אויך איצט רות לעווין באַשלאָסן – זי וועט זיך אָפּשאָקלען פון שטאָטישן האַרמידער, אַוועקלאָזן זיך צום שווייגנדיקן מדבר און אין דער שטילקייט געבן אַ טראַכט מכוח אַ נייעם שעפערישן כיוון. ווי האָט אַ מאָל געזאָגט פּיקאַסאָ? – "איך זוך נישט, איך געפין!" אויך רות לעווין האָט געפונען!

לכתחילה, האָט דער רעיון פון פּראַוון התבודדות אין מדבר איר אויסגעקוקט מאָדנע. נו, טאַקע – וואָס פאַר אַ שייכות האָט זי, רות לעווין, מיטן מדבר? איז זי דאָך אויסגעוואַקסן אין אַ כרך פון צענטאַל־אייראָפּע ביי שטראָמיקע טייכן און אָזיערעס, אַרום מחייהדיק־קילע וועלדער מיט אַ בליענדיקער גרינקייט; איז וואָס קאָן זי בינדן מיט אַ בראשיתדיקער וועלט פון מדבר, וואָס זייט אדם הראשון איז ער אַן אָפּגעשטאָרבענער אוניווערס? ווי וויל אַריינגעדרינגען אָבער איז זי אין דער ווירקלעכקייט פון מדבר, באַקענט דעם כישוף פון זיין פּייזאַזש, דאָ האָט זי שוין געעפנט אַ פּאָר אויגן. זי האָט אַנטפּלעקט פּלאי־פּלאים! ס'האָט אַ שמייכל געטאָן צו איר אַ ניי מאָלעריש לעבן מיט פאַרביקייט און קאָסמישן פאַרנעם.

נו, האָט זי שוין גענומען וואַנדערן איבער די מדבריות פון יהודה, נגב און סיני, וואָרעם כסדר האָט זי אַנדעקט נייעסן. אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט, ביז אין דעם מדבר איז זי פאַרליבט געוואָרן ביז איבער די אויערן! – ווער האָט געפּסקנט – גיט אַ זאָג צו מיר רות לעווין – אַז דער מדבר איז אַ טויטע זאַך? ס'איז שוא־ושקר! איר האַרץ האָט דער מדבר באַצוונגען מיטן כוח דווקא פון זיין אייגנאַרטיקן לעבן, מיטן לעבן פון זאמד און שטיין, מיט זיינע שטילע קלאַנגען, מיט זיינע פאַרבן וואָס פאַרענדערן זיך בליציק שנעל. לייגט נאָר צו אַן אויער צו דער קאָסמישער שטילקייט דאָרט, און איר וועט באַנעמען דעם ניגון פון אין־סוף! ווער קאָן ביישטיין דעם מאַיעסטעט פון די פעלזן וואָס רייסן זיך צו די הימלען?

רות לעווין האָט זיך פּלוצים דערפילט דאָ היימיש. נאָך יאָרן לעבן אין אַ קאָנווענציאָנעלער געזעלשאַפט, ווו צביעות און ליגן איז דאָס טעגלעכע ברויט, האָט דער בתולהדיקער מדבר אויפגעפרישט און פאַריונגערט. דער פּייזאַזש, מיט די מאַכטיקע פעלזן פון קאַלעך און גראַניט, מיט די אויסגעטריקנטע קאַנאַלן, וואָס ווינטער רוישן זיי חדווהדיק מיט שטורעמדיקע וואַסערן – דאָס אַלץ האָט איר

אויסגעזען איצט קענטיק פון אַ מאָל. אין דער שטילקייט פון מדבר אפּנים, האָט רות לעווין אויפגעכאַפּט אַן עכאָ פון אַלטאַלטע טריט – טריט פון אייגענע. האָבן דאָך אונזערע אבות געוואַנדערט דאָ יאָרן אַ מאָל, דאָ אַ פאָלק געוואָרן, דאָ באַוואָפנט זיך מיט מענטשלעכע ווערטן.

קורץ און שאַרף – די קינסטלערין האָט גענומען אויסטענהן זיך מיטן מדבר, מיט ליבשאַפט זיין שפּראַך אויפנעמען. ווער ווייסט וואָס פאַר אַ סודות האָט איר דער מדבר איינגערוימט. אפשר גאָר האָט ער איר מגלה געווען, אַז בששת ימי בראשית, בעת ער איז געפאַלן אויף דער וועלט, איז אים נישט איינגעפאַלן, אַז זי וועט אויסוואַקסן אַ קין וועלט... רות לעווין האָט גענומען אַריינקוקן אין פנים פון מדבר און זיך צוקוקן צו זיין אויסשלייער. די מדבר־פאַרבן האָבן געלאָקט, די פעלזן־פאָרמען האָבן גערעדט רייד; מיט אַ מאָל, האָט זי אַנטדעקט אַ מאַלעריש מלכות וואָס איז איר ביז אַהער געווען אומבאַקאַנט – אַ מלכות פון פאָרמען און קאָלירן וואָס האָט כוח און איניציאַטיוו אַריינגעלייגט אין אירע הענט. שטייענדיק פאַר דער פאַנאָראַמע פון די אומגעצוימטע מדבר־שטחים איז איר געקומען אויפן שכל, אַז גראָד ענלעך זעט אויס דער פייזאַזש פון איר האַרץ און געפילן! – אַ צעשויבערטע פאַרביקע וועלט וואָס זוכט אַן אַדעקוואַטע שפּראַך לייכטער צו מאַכן דאָס געמיט. רות לעווין האָט באַנומען, אַז פונקען איז דער מדבר בכוח פון איר נשמה אַרויסבאַקומען. און אַז איינגעפעדעמט האָט זי שוין מיטן מדבר אַ דיאַלאָג, האָט זי געפילט, אַז זי מוז דעם מדבר באַהערשן; מיט פלאַסטישע מיטלען מוז זי אים באַצווינגען. האָט זי גענומען שוין פיבערדיק צייכענען. איר נישט געשטילט אויג איז אַריינגעדרונגען אין אַלע ווינקעלעך, ביז זי איז בסוף דעם מדבר אין דער נשמה אַריין.

אָבער נישט מיט צייכענען אַליין האָט זיך די קינסטלערין באַגנוגנט. אגב, איז צוריק מיט אַ צייט דערשינען אַן אַלבאָם צייכענונגען פון רות לעווין א.נ. "פייזאַזשן פון מדבר אין ישראל און מצרים". רות לעווין האָט געוואָלט פון מדבר אַלע סודות אַרויסרייסן, צואייגענען זיך זיין שטילע שפּראַך, דעם כישוף פון זיין פאַרביקן געשלייער, דעם מאָנומענטאַלן געשטעל זיינעם, די וויבראַציע פון דאָרטיקן ליכט – אַפילו דאָס געזאַנג פון מדבר האָט זי געוואָלט אויף אירע בילדער אַריבערנעמען. הכלל, זי האָט גענומען מאָלן – מאָלן דעם נשמהדיקן פאָרטרעט פון מדבר.

כאַפּט מען אַ שמועס מיט דער קינסטלערין, פאַרזיכערט זי אייך, אַז זי איז נישט קיין מיסטיקערן. פאַר איר איז דער פייזאַזש פון מדבר אַ גאַנץ רעאַליסטישע לאַנדשאַפט. אוודאי, פאַראַן אין אים סודות אַ סך. פירנדיק מיט אים אַ דיאַלאָג, איז זי אַ מבין געוואָרן אויף זיין סודותדיקע שפּראַך.

נו, מאַ – ווי האָט אַ מאָל געזאָגט אַ קריטיקער: – "רות לעווין איז געבענטשט מיט אַן אויג וואָס זעט און אַ האַרץ וואָס פילט". אין התפעלות פאַר דער תוכיקייט פון מדבר דערלאַנגט אונדז די קינסטלערין נישט סתם אַ קאָנווענציאָנעלן פייזאַזש פון אַ רויער ווילדער געגנט, אלא אימפּרעסיעס פון אַן אוניווערס; אַ פאַרביקן פייזאַזש דערלאַנגט זי פון געפילן – געבוירן אויף דער שויס פון אַ בראשיתדיקער וועלט.

זינט רות לעווין איז אַוועק פון פיגוראַטיוון עקספּרעסיאָניזם און זיך משדך געווען מיט דער רעאַליטעט פון מדבר, האָט איר מאָלעריי אויפגעלעבט, איז ווי פאַריונגערט געוואָרן. די טונקעלע מינאָרע פאַרבן־טאָנאַליטעט איז ביינאַנד מיטן

פיגוראַטיוו־רעאַליסטישן באַנעם פאַרשווונדן, און געבוירן פון נייעם שידוך איז אַ לירישׁ צעזונגענע מאָלעריי אין אַבסטראַקטן נוסח, אָנגעשפּאַרט אויף אַ גאַמע צעשמייכלטע פאַרבן, וואָס קלינגען און פאַרקלינגען אַ וועלט. רות לעווין איז אַ סובטעלע קאָלאָריסטין. זי דיספּאָנירט מיט אַ ברייטן דיאַפּאַזאָן הייסע, ווי אויך שטאַרק ווייכע טענער. אויף דער קלאַוויאַטור פון איר רייכער פאַרבן־פּאַלעטע שפּילט זי מיט כּוח און ווירטואָזן שווונג. דער עיקר גייט איר דאָך מיר זאָלן די פאַרביקע מדבר־אַטמאָספער דערפילן, די לופטיקייט זיינע אָנטאַפּן, ובכן איז איר מאָלערישער דיבור אַ פאַרשידנאַרטיקער. אַ מאָל טוט זי אַ רעד מיט גראַדירטע שטאַרק הייסע קאָלירן, מחמת דער מדבר פלאַמט און שרפהט. אַ צווייט מאָל קילט זי דעם אויפפלאַם מיט ווייכע לופטיקע טענער, אַז אַ מחיה איז דאָרט דעם אָטעם אָפּצוכאַפּן. אין רות לעווינס בילדער פינקלט אַ פאַנטאַסטישע שפּיל פון פאַרבן; די פאַרבן שווימען אַרום אין רוים, זיי שמועסן זיך דורך, שפּילן זיך מיט אַן אַנדער, טוען זיך כּעמיש משדך זיין, צערייסן זיך ווען זיי קומען נישט אויס – בקיצור, זיי פירן אַ "מענטשלעך" לעבן די קאָלירן פון רות לעווינס בילדער. קוקט מען נאָך אַריין טיפער אין דעם צעזונגענעם אוניווערס פון פאַרבן – א תוהו ובוהו וואָס איז מלא שמחה צו געבוירן אַ וועלט פאַר דער מענטשהייט – זעט מען נישט איין מאָל, ווי ס'פּיקן זיך אויס פאַנטאַסטישע פאָרמען. איז דאָך דער שטיינערנער מדבר אַן עושר אין פאָרמען וואָס געשטאַלטיקן זיך פאַנטאַסטיש. פורעמען אויס רות לעווינס פאַרבן ריזיקע קדמונישע חיות אויף וועלכע ס'איז גוזר געוואָרן – פאַרשווינדן און די ערד לאָזן פאַרן מענטש!

מילא, ניגונדיק און לויטער איז די מעלאָדיע פון דער קינסטלערינס מזמור; איז אָבער די פאַרבן־אָרקעסטראַציע איר כּוח. אַ קריטיקער האָט אַ מאָל באַמערקט, אַז אין רות לעווינס בילדער שמעקט מיט לופטיקייט פון די מיטל־לענדישע ברעגעס. די קינסטלערין האָט דאָס צו פאַרדאַנקען איר געלענק די כּעמיע צונויפצושטעלן פון פאַרבן, וואָס איז איינגעשטעלט אויף קלאַנגפולקייט. איר איידעלע פאַרבן אָרקעסטראַציע ברענגט אויפן רעיון די אָרקעסטראַלע פאַרביקייט, די איידעלע און לופטיקע, פון מוזיקאַלישן ווערק "דאַפניס און כלאָע" פון מאָריס ראַוועל.

קורץ – די מדבר־וויזיע פון רות לעווין איז אַ ליכטיקע, בראשיתדיקע וועלט, העל אויסגעשלייערט און שמחתדיק צעזונגען, מחמת אַ מהלך־רב איז זי פון קאָנווענציאָנעלן ליגן און צביעות. איז טאַקע דאָרט לופטיק פון דער אומבאַרירלעכער ריינקייט.

***

רות לעווין איז בשייכות מיט אַ ריי דיפּלאָמאַטישע שליחותן פון איר מאַן, אויסגעקומען צו לעבן יאָרן לאַנג אין גרויסע וועלט־צענטערס צווישן דיפּלאָמאַטן און הויכע לייט. דער עולם אָבער איז דאָרט פאַלש ווי די עבודה זרה. מיט אַ שמייכעלע הרגעט מען אַוועק דעם אמת... אין דער אָ סביבה פון שקר, האָט רות לעווין תופס געווען די צביעותדיקע א.ג. ציוויליזירטע וועלט, וואָס בעת דער נאַצי האָט געטיליקט יידן מיט מיתות משונות, איז זי געשטאַנען, די וועלט, און געקוקט, און אַ פינגער נישט אויפגעהויבן אונז מיט עפּעס צו העלפן. פאַר דער דאָזיקער שיינער געזעלשאַפט האָט די קינסטלערין אַ קנאַפּן רעספּעקט. אַ גליקלעכע איז זי געווען צוריק צו קומען אַ היים קיין ירושלים. צופיל אָפּגעגעסן דאָס האַרץ האָט איר דאָרט די פאַלשקייט. אירע נישט

פאַרהײַלטע װוּנדן האָבן דאָרט כּסדר געבלוטיקט. האָט זי דאָך אין לאַגער פֿון טערעזיענשטאַט אַ צװײַג פֿון איר משפּחה געהאַט שטעקן; דעם צװײַג האָבן די קרעמאַטאָריעס פֿון אױשװיץ פֿאַרברענט.

הגם בראַנדיקן האָט איר װוּנד נישט אױפֿגעהערט אױף אַ טאָג, האָט רות לעװין דעם װײטיק קײן מאָל אַ קינסטלערישן אױסדרוק נישט דערלאַנגט. אַפֿנים, אַז נישט יעדער קינסטלער װאָגט דערנענטערן זיך צו דער שואה־טעמע. אין טיפֿסטן תּהום אַראָפּקלעטערן דאַרף מען אוודאי קאָנען, בּכדי צו דערכאַפּן, װי דער פּאָעט מאיר שטיקער קלאָגט, "דאָס פֿאַלן פֿון אַ לעצטע טרער", אָדער "דעם שאָרך פֿון שאַרבן און סקעלעטן" צו באַנעמען. אָבער, אײן מאָל אַ טאָג האָט די װוּנד אין רות לעװין אַ ריס געטאָן מיט אַ כּוח, אַז פֿיבערן האָט גענומען איר גאַנצער װעזן. פֿײַערדיקע צונגען, האָט זי געפֿילט, טוען שרפֿהן די נשמה.

װאָס איז פּלוצטאַלבן געשען?! ס'איז געשען, אַז אַ טומאַן האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבערן בלויען הימל פֿון ישׂראל, און ויהי חושך... אױף ס'נײַ האָט די װיסטע חיה צעשטשירעט די צײן, און פֿון מרחקים גענומען שלײַדערן פֿאַרניכטונג און טױט! און אַז אַ פּאָכע האָט געטאָן איבערן ייִדישן מענטש די געפֿאַר דערשטיקט צו װערן אױף ס'נײַ פֿון גאַז, האָט זיך פֿאַר די אױגן פֿון רות לעװין אַ טיפֿער תּהום געעפֿנט; זי האָט דערזען די גאַז־קאַמערן און קרעמאַטאָריעס. מיט אַ מאָל איז "דער שאָרך פֿון שאַרבן און סקעלעטן" צו אירע אױערן דערגאַנגען. פֿון טרעװאָגע אַן אַלאַרם האָט צעטרײסלט איר מוח, דאָס האַרץ האָט געזעצט פֿון אומרו און אַנגסט!

האָט שױן רות לעװין געכאַפּט דעם פּענדזל אין האַנט אַרײַן, און מיט אַ תּפֿילה אױף די ליפּן זיך דערקליבן צום מאָלברעט. אימפּעטיק האָט זי מאַנעװרירט מיטן פּענדזל, געלײגט פּלעקן פֿאַרביקע אױפֿן לײַװנט, דורכגעריסן זײ מיט נערװעזע ליניעס פֿון טונקל־ברוין, װײס, שװאַרץ, בלױ א.א. און אױסגעגעליט ספּאָנטאַן אַ הױכע עמאָציאָנעלע טעמפּעראַטור. אין אירע דראַמאַטישע בילדער הערט זיך "דאָס פֿאַלן פֿון אַ לעצטע טרער"; "דער שאָרך פֿון שאַרבן און סקעלעטן" הײבט זיך עד לב השמים!

אױב איז רות לעװין מסוגל פֿון דער שואה די טראַגיק אױסצוגליען, אױב איז די בכּוח דעם צושױערס געמיט אַ טרײסל צו טאָן, אַז דערשיטערט זאָל ער װערן ביזן מאַרעך פֿון די בײנער, איז װײַל געבערענגט האָט זי פֿון איר מדברדיקן חלום אַ נײַע מאָלערישע שפּראַך. די פֿאַרבן װיבראַציע שפּילט אין דער מאָלערינס רעקװיעם די דאָמינאַנטע ראָלע. דער אַבסטראַקטער פּײזאַזש פֿון פֿאַרבן – דאָס איז דער פּײזאַזש פֿון אַ װעלט װאָס האָט זיך געעקט... אָבער דאָס איז בלױז נאָר דער פּרעלודיום. און די עיקר מעלאָדיע? אַן אומהײמלעכער ניגון פֿון אַ ביטער שװער געמיט. פֿאַראַן בילדער אין גרױע און טונקל־ברױנע טאָנאַציעס מיט קאָלירקע פּלעקן, און די פֿאַרביקע נערװעזע ליניעס רײסן שטיקער פֿון די פּלעקן. מען דאַרף אַרײַנקוקן אָבער טיפֿער אין געװעב, מחמת די בילדער זענען אָנגעלאָדן מיט אַ פֿיגוראַטיװ דראַמאַטישער תּוכיקײט. אַפּאָקאַליפּטישע װיזיעס צעװיקלט דער געמיש פֿון פֿאַרבן, פּלעקן און ליניעס; אַ װיסטער פּײזאַזש, װען "פֿאַרשטעלט איז די טאָג־זון מיט בלוט און מיט אײטער, / מיט פֿגרשער קופּע, מיט בבל פֿון טױטע..." (פּרץ מאַרקיש). אין רױם פֿון בילד פֿלאַטערט "אַ קױטיקע כמאַרע" און בתוך דער כמאַרע שטעקן פֿנימער אין גרימאַס פֿון גסיסה; פֿון די הרוגים "כּליופֿען ברױנע ריטשקעס... בלוט". אָט פֿאַלט אַ ריז מיט אַ לעצטן בלויען

געוואַלד־געשריי אין מויל... פאַראַן אַ בילד אין אַ טונקל ברוינער טאָנאַציע – אַ מין צעוואָרפענע היים אַ פאַרניכטעטע; דער אשמדאי האָט דאָ געזייעט טויט און געלאָזט פלעקן בלויז ברוינע פון פאַרגליווערטן בלוט! פון דרויסן קוקט מיט רחמנות אַריין אַ גראָ־ראָזעווער פרימאָרגן, ווי זאָגן וואָלט ער וועלן – אויף אַזאַ גהינום האָט ער זיך נישט גערעכט, דער פרימאָרגן...

די דראַמאַטישע בילדער פון רות לעווין, דאָס איז דער סך־הכל פון אַ מענטשהייט וואָס איז געגאַנגען צום גרונט. אויב האָט די קינסטלערין געהאַט כוח די טראַגיק אויסצודריקן פון דער שואה, איז ווייל דער מענטשלעכער ווי האָט בלי ספק איר נשמה געגריזשעט און געפרעסן. אויב אָבער האָט זי מצליח געווען אין איר קינסטלערישער טואונג, איז ווייל געניצט האָט זי אַ מאָלערישן נוסח, וואָס איז ווייט פון נאַראַטיוון און אַנעקדאָטישן און ווירקט בשתיקה – רק בשתיקה! מיט פּלאַסטישע עלעמענטן בלויז.

***

רות לעווין איז אַ געפילפולע קינסטלערין מיט אַ דינאַמישן טעמפּעראַמענט. איר מאָלערישע לירע איז אַ וויכערדיקע. פאַראַן אָבער ציטן ווען זי ניגונט צאַרט מיט שמייכלענדיקע טענער און לירישע אַקצענטן. זי איז אָבער אויך מסוגל אַ ברום צו טאָן מיט דראַמאַטישע קלאַנגען וואָס פייערן און גליען אויס אַ הויך עמאָציאָנעלן קלימאַט. פּרוּווט, לייגט צו אַן אויער צו די בילדער וועלכע רות לעווין האָט לעצטנס אויסגעשטעלט אין "בית אומנים" פון ירושלים און דערהערן וועט איר דאָרט פּיבערן אַ קול: "און ווער וועט מיך טרייסטן? / נ'פון וואָס פאַר אַ מבול – אַ בלאַנדזשענדע תיבה / וועט טויבן מיר ברענגען אהער?... / אָ, ווינט פון דעם מדבר – דו סט'בליבן געטריי מיר, / אַ קוש טאָ ן אפשר פון פעלז פראָמעטיי וועט!..." (פּרץ מאַרקיש "די קופע").

---

## פאַרגרעסערט די צאָל לערער אין די קאַסטנער יידיש־קורסן אין בר־אילן

היי־יאָר, ווערט מיטגעטיילט, איז געוואַקסן די צאָל תלמידים אין די קאַסטנער־קורסן פאַר יידיש־לערער אין בר־אילן, צו מער ווי עטלעכע צענדליק, כן ירבו.

אין די ראַמען פון דער רינה קאַסטא יידיש קאַטעדרע אין בר־אילן אוניווערסיטעט איז איינגעשטעלט געוואָרן מיט יאָרן צוריק דורך בצלאל און סאָניא קאַסטנער, דער פּראָגראַם פאַר אויסשולן יידיש־לערער אין די עלעמענטאַרע און מיטל־שולן אין ישראל. ווי באַקאַנט, לערנט מען יידיש אין 53 שולן אין מדינת ישראל און די לערער באַקומען זייער אויסשולונג אין יידיש אין די קאַסטנער־קורסן, און ווערן סובווענציאָנירט פון דעם בען הימל פאָנד – אַדמיניסטרירט דורך דער יידיש־קאַטעדרע. דאָס זיינען גוטע נייעס פאַר די חובבי יידיש.

בקרוב ווערט אַרויסגעגעבן אַ יידיש לערן־בוך פאַר קינדער, פאַרפאַסט פון רבקה רייך, לערערין פון יידיש אין דער קאַטעדרע און קאָאָרדינאַטאָרין פון די קאַסטנער־קורסן.

## חיים קעניגער / פּאַריז

***

פריער האָט געוועלטיקט דאָס וואָרט,
שפּעטער האָט די שטילקייט פאַרנומען זײַן אָרט.

דאָס וואָרט טרעפט אומעטום אַרײַן,
צו מאָל מיט באַדויער און געוויין.

דער שוויַיגער אַפּעלירט צום געדאַנק
און ווערט באַלוינט מיטן געשאַנק.

וואָס טיפער הייבסט אָן צו זינקען,
ווינציקער מענטשלעכע רייד אין די אויערן קלינגען.

אין דער נאַטור ווערט גאָרנישט פאַרלוירן
ווען די האָפענונג ווערט געבוירן.

דער קליין־געוויקסיקער וויל אונטערוואַקסן
זוכט ער בײַ פרעמדע די ביינער און פלאַנצן.

נאָכן פאַרלירן די ציין
קומט אויף דאָס וואָרט אין שײַן.

די קונסט וואָס גייט אַרויס פון פיר ווענט
ווערט צו מאָל פון אַ מויער פאַרשטעלט.

די הערלישע פאַרגאנגענע צײַטן
האָבן פאַרנומען אויך די, וואָס זיך בײַטן.

## אין ניכטערן פרימאָרגן

אין ניכטערן פרימאָרגן
כ׳ווייס ניט וועלכער וועג איז גלייך
און ס׳איז מיר גוט אָן זאָרגן
ווען מיין וועג איך דערגרייך.

ס'איז מיר גוט ווו כ'בין נישטאָ
גיי איך פשוט מיין גאַנג
און רעד צו זיך – כ'בין דאָ!
כאָטש דער וועג איז נאָך לאַנג.

וואָס ווייטער איך גיי אַצינד
בלייב איך נאָך אַלץ ביי דער זייט
הפקר געטראָגן פון ווינט
אויף פעלזן, אין שטראָמען ווייט.

ס'איז מיר גוט ווו כ'בין נישטאָ
וואַנדער איבער וועגן גאָרנישט צו דערגרייכן,
כ'זע איבער מיר די וואָלקנס גראָ
אין שניי, אין וויסן, שיינט דער צייכן.

## פון די טאָלן ביז שפיצן בערג

פון די טאָלן ביז שפיצן בערג און היילן
יאָגט זיך דער וואַסער־שטראָם אין זיילן
דער ווינט צעגיסט די וואַסער־טראָפּנס
באַפייכט די שטיינער ביים טייך צוקאָפּנס.

זאָלן שטיינער זיך מערן
דאָס וואַסער זאָל פליסן ווי טרערן
כוואַליעס הויבן זיך און פאַלן
די דונערן שטורמען און קנאַלן.

פון מילכוועג די אויסגעלאָשענע שטערן
טובלען זיך אין טרוים פון באַגערן
זיי שווימען אין טייך בלענדיק
פון בראשית אָן, ווי שטענדיק.

דער וואַסערפאַל אין קרייז
פאַרקאָוועט די שטראָמען אין אייז
די שטילקייט פון יענער צייט
און פרימאָרגן צוריק זיך באַנייט.

לאָטי פ. מלאך

# ציע, ציעטשקע

## (דערציילונג)

פרייטיק: דער סדר פון טאָג הויבט זיך אָן פריער ווי געוויינטלעך ביי דעם בינטל יידן אין דאָרף. די זון איז נאָר וואָס אויסגעוואָקסן אויפן שפּיץ פון העכסטן באַרג. האָט ציע, אַ בלאָסע, אַ ניט־דערשלאָפענע, שוין אַרויסגעטריבן די שטאָלצע טיראָלאַ און איר שטיפקינד – אַ מאָגער קעלבל, איז איר פויל און טשוכעדיק נאָכגעגאַנגען.

דער פרימאָרגן איז געווען אַ לויטערער. אַ קליער ווינט האָט געטריבן פאַרבלאָנדזשעטע שטיקער וואָלקן, וואָס האָבן געוואַנדערט איבערן אומענדלעכן בלויען הימל. די גרינע לאָנקע איז געלעגן אויסגעשפּרייט אונטער אַ געדיכטער דעק פון פערלדיקן טוי, וואָס האָט אין שיין פון פייערדיקן זון־אויפגאַנג געשפּילט אין אַ לייכטער דרייפאַרביקייט.

ציע איז געשפרונגען ווי אַ העזל. דער קאַלטער טוי האָט געשניטן אירע באָרוועסע פיסלעך און דער ווינט האָט זי דורכגענומען. זי אין אַראָפּגעלאָפן פון נאַסן גראָז אויפן שמאָלן זאַמדיקן וועג, וואָס האָט זיך באַגעגנט מיטן מורמלענדיקן טייכל ווי אין אַ קרייץ און צעשניטן די לאָנקע אין פירן.

ציע האָט צונויפגעלייגט דאָס אָפּגעשאָסענע, ציצענע טיכל אין אַ דרייעק, האָט עס אָנגעטאָן אויפן קאָפּ, אַרומגענומען אונטער די אָרעמס, פאַרבונדן אויפן רוקן מיט אַ קנופּ און זיך אַנידערגעזעצט אויפן ערשטן בעסטן שטיין. אַך, ווי זי איז נאָך געווען שלעפעריק. די אויגן האָבן זיך איר געקלעפּט. אַ טראָפּעלע, אַ רגע שלאָף אַפילו אָט־דאָ אויפן שטיין. זי האָט צונויפגעקאָרטשעט איר דין קערפּערל און איז לייכט אַנטדרימלט געוואָרן.

איינציקוויז זיינען אַרויסגעקומען די אַנדערע בהמות. און מאַמעס האָבן זיי צוגעהיט פון דערווייטנס, ניט וועלנדיק אויפוועקן די קינדער אַזוי פרי.

די קי, די אויסגעכאָוועטע, אויסגעצאַצקעטע פּרנסה־געבער, זיי פּאַשען זיך ניט אַבי וווּ. און דאָ, אויף דער אָפּגעגריזשעטער לאָנקע, וואָס אַלץ גייט אויף איר אַרום – פון אַ גענדזל ביז אַ פערד – ווילן זיי, די גרעסטע מיוחסים פון דאָרף, זיך נישט פּאַשען. זיינען זיי געבליבן שטיין מיט ליידיקע באָקעס, ווי די ברעטער, און זיך אָנגעקוקט.

די מאַמעס האָבן דאַן שנעל אויפגעוועקט די קינדער, זיי צונויפגענומען און אויסגעריכט מיט די בהמות אויף די בערג פאַר בעסערער פּאַשע.

מעכל בלומעס האָט זיך ערשט איבערגעדרייט אויף דער לינקער זייט. נאָר די קו, בלומעס ליסע, האָט זיך ווינציק וואָס געקימערט נאָך אים. זי האָט זיך געהאַט איר חברותא: די טשעבאַנע, די באַלאַיאַ, די טיראָלאַ, און נאָך אַזעלכע בכבודיקע קי, און איז מיטגעגאַנגען מיט זיי. בלומע איז נישט געווען פון די קבצנישע באַלעבאָסטעס, וואָס ציטערן איבער אַיעדער זאַך. ביי איר האָט זיך געפירט אַ ווירטשאַפט פון זיך אַליין, זי האָט געוווסט, אַז אַפילו איר קו וועט אַריין אין אַ שאָדן, איז אויך אַ קליינער שאָדן...

די פּאָר שעה וואָס די קינדער גייען אַוועק מיט די בהמות, דאָס איז זייער בעסטע

צייט: דאָרט שרייט נישט דער טאַטע, דאָרט שילט נישט די מאַמע; דאָרט אויפֿן באַרג, אַבי די זון שיינט נאָר צו, גייען פֿאַרלוירן אַלע זאָרגן פֿון דער וועלט...

דאָרטן ווערן קינדערשע געמיטער צוגלייך מיטן ווינט, פֿלאַטערנדיק און דורכגעלויכטן. און טאָמער עס טרעפֿט, אין שפּיל פֿאַרגעסט מען זיך און איינעמס אַ קו פֿאַרקריכט דערווייל אין אַ שאָדן, שטעלן זיך אַלע פֿאַר איינעם איין אויף לעבן און טויט!

דאָרטן לערנט מען זיך שרייבן, שניצן, שטריקן. דאָרטן אויפֿן וועג צווישן באַרג און טאָל, גייען אויף יונגע ליבעלעך, ווי די שוועמעלעך. דאָרטן דערציילט מען זיך פֿאַנטאַסטישע מעשהלעך פֿון ברויט צו דער זעט, פֿון פֿליישט אויף שבת, פֿון סמעטענע מיט קעז, וואָס די מאַמע דאַרף נישט אָוועקטראָגן פֿאַרקויפֿן, פֿון אַן אָפּגעקאָכט איי, און נאָך אַזעלכע וווּנדער...

ציעס הונגעריקע אויגן שפּרינגען שיר ניט אַרויס פֿון קאָפּ. די פֿאַנטאַזיע צעשפּילט זיך אין זיי און אַ וועלט מיט רחבֿות פּראַלט אַרויס פֿון אירע בליקן. ווען עס קומט צו די דאָזיקע מעשהלעך, איז זי, ציע, מיטן אייביק צעשראָקענעם פּנים, די העלדין פֿון טאָג. זי ווייסט אַפֿילו צו דערציילן פֿון שטיבער מיט הילצערנע דילן און הויכע פֿענצטער. קינדער וואָס האָבן שיך און מאַנטלען אויפֿן ווינטער. און קליידלעך פֿאַר זומער. אָ, אויף דעם איז ציע אַ מייסטערקע. זי שטעלט אויס אירע חבֿרטעס אַרום צעבליטע קרעלן־ביימלעך, און וועבט פֿאַר זיי קליידלעך פֿון נעפּל און זון־שטראַלן...

די קינדער קוקן איר אין מויל אַריין מיט גרויס באַוווּנדערונג. אַ מאָל איז ציע דערגאַנגען מיט איר פֿאַנטאַזיע ביז צו דער... "ווירקלעכקייט". זי האָט מיטגענומען אַ בלייפֿעדער און פּאַפּיר, האָט אויסגעמאָלן און פֿאַרצייכנט די אַלע גוטע זאַכן, וואָס יעדעס קינד דאַרף קריגן – גלייך אויף גליך, זי האָט קיינעם ניט פֿאַרפֿעלט:

...דיר אַ פּאָר הייזקעלעך, מיר אַ בלוזקע, יענעם אַ פּאָר שיך; מעכל בלומעס – כאָטש ער איז נישטאָ דערביי – אים אַן אַנצוג, זוליען אַ מאַנטל; חלה מיט פּוטער, האַלץ אויפֿן ווינטער, אַ קו וואָס זאָל זיך שטענדיק מעלקן...

אויף ציעס קליין שטיקל פּאַפּיר איז געוואָרן אַ שפֿע פֿון אַלדאָס גוטס. זי איז ביזן לעצטן אָטעם פֿאַרכאַפּט געוואָרן פֿון איר "פֿאַרטיילונג". אַזוי ווייט, אַז זי איז פֿאַרבליבן איינע אַליין מיט דער טיראַלאַ, בלומעס ליסע, און דעם פֿוילן קעלבל הינטערן וואַלד. די אַנדערע קינדער זיינען מיד און הונגעריק געוואָרן און האָבן אַ היים געטריבן די בהמות.

ס'איז שוין געווען שפּעט אין האַלבן טאָג אַריין, ווען די צוויי קי מיטן קעלבל זיינען, שווער אָנגעפּאַשעטע, אַראָפּגעגאַנגען טריט ביי טריט פֿונעם באַרג צום וואַסער, אָנצוטרינקען זיך. די צוויי קי האָבן צופֿרידן זיך אָנגעקוקט און אַוועקגעגאַנגען יעדע צו זיך אין שטאַל אַריין. ציע איז נאָכגעגאַנגען אַ פֿאַרטרומטע איר טיראַלאַן, מיטן בלייפֿעדער אין איין האַנט און עפּעס אַ באַמאָלן שטיקל פּאַפּיר אין דער אַנדערער, און האָט קיינעם נישט געזען און נישט געהערט. ערשט פֿאַר דער שטוב האָט אַ קללה, וואָס האָט זיך מיט פֿייער אַראָפּגעריסן פֿונעם פֿאָטערס מויל און זיך אַרויסגעקייקלט דורך אַן אויסגעבראָכענער שויב, זי געטראָפֿן ווי אַ פֿייל אין האַרץ אַריין און זי אויסגעניכטערט.

זי איז אַריין אין דער טוכלער, און לויט אירע זון־פֿאַרבלענדטע אויגן, פֿינצטערער שטוב.

- אין אַ מולטער איז געשטאַנען אַן איבערגעיוירענע ראָשטשענע ניט פּאַרקנאָטן. דער פּאָטער, אַ צעהיצטער, אַ בייזער, איז געזעסןביים פּיר־עקיקן טיש לעבן פענצטער. זיינע גרינלעכע אויגן זיינען משוגע געוואָרן פון כעס. די מאַמע, אַ דערשלאָגענע, איז געזעסן צוגעטוליעט צו דער הרובע און געווישט מיט אַן עק פון פאַרטוך אירע פאַרוויינטע אויגן. קענטיק, נאָך אַ ביטערן קריג אין שטוב. אַן אַלטער כלל: ווו ס'הערשט די נויט פעלט זיך דער שלום בית.

ציע האָט דאָס אַלץ מיט איין בליק אַרומגענומען און אַ וויטאָג האָט זיך אַ דריי געטאָן פון האַרץ אין בויך אַריין. זי האָט זיך אָוועקגעשטעלט ביי דער מאַמעס זייט, ווי זי צו באַשיצן. אירע פּחדפולע אויגן האָבן געהיט דעם פּאָטערס יעדן קער און ריר. ס'האָט איר גענומען קלאַפּן אַ צאָן אָן אַ צאָן. דער פּאָטער האָט אַ בייזן שפּיי געטאָן און שיקנדיק די רויט־צעפּלאַמטע באָרד פאָרויס, האָט ער אַ זעץ געטאָן מיט דער טיר הינטער זיך.

ציען איז אַראָפּ אַ שטיין פון האַרץ. זי איז אַרויסגעגאַנגען פאַר דער שוועל זיך אָנוואַרעמען אין דער זון. זי האָט געציטערט ווי אַ בלאַט אין ווינט.

פונעם באַרג איז אַראָפּגעקומען פּייוול מיט ליימיקע הענט און פאַרשאַרצטע הויזן. קענטיק אַז ער האָט געזען דעם פּאָטער אַוועקגיין. ער האָט זיך אַנידערגעשטעלט מיט זיין הויך־אויפגעשאָסענעם וווקס פאַר ציען און געצויגן מיט די שמאָלע פּלייצעס. זיינע שוואַרצע אויגן האָבן טרויעריק אונטערגעשמייכלט:

- ציעטשקע, וואָס זיצסטו עפּעס אַזוי אָנגעדרודלט? – האָט ער זיך ניט וויסנדיק געמאַכט און געפרעגט. ציע איז שיער ניט צעפּלאַצט געוואָרן פון געוויין. אָט־דער פּייוול, איר ברודער טאַקע, ער דערפילט עס נאָך די צו־גרויסע מאָס פון אירע קינדערשע יסורים. ער מאַכט פון איר שטענדיק חוזק. אַלע לאַכן פון זיינע חכמות אויף איר חשבון און ציע בלייבט תמיד אַ פאַרשעמטע. טאַקע ער האָט עס איר אַ נאָמען געגעבן ציע, אַזוי ווי אַ שיקסל. אויף אַן אמת האָט זי געהייסן ציפּע. דאָס איז דערפאַר וואָס זי שפּילט זיך מיט די גויישע קינדער. און זי קען זיך עפּעס נישט אָפּגעווינען פון דעם פעלער. עס ציט זי צו איוואַן קוזיקס קינדער ווי אַ מאַגנעט. און אַז זי הערט דאָס קליינע קוזיקל וויינען, לויפט זי איבער שטאָק און שטיין און כאַפּט עס אויף די הענט. זי האָט שוין נישט איין מאָל "אַריינגעכאַפּט" דערפאַר פונעם פּאָטער. נאָר ס'האָט גאָרנישט געהאָלפן. אַז דאָס קליינע גיט אַ שמייכל, פאַרגעסט זי אָן אַלץ.

פּייוול פאַרציט עס נאָך און רופט זי: "ציעטשקע".

פון דער טוכלער שטוב איז אַרויסגעקומען די מאַמע. דאָס טיכל אויפן קאָפּ אַראָפּגערוקט טיף איבערן פּנים. די פאַרוויינטע אויגן האָבן נישט געקאָנט פאַרליידן די זון. זי האָט זיך צוגעבויגן און אַריינגעקוקט די צוויי קינדער אין פּנים אַריין:

-איר זייט שוין נעבעך גוט הונגעריק, וואָס? ציעטשקע, ווייסטו וואָס? לויף צו בלומען און זאָג איר, כ'האָב זי געבעטן זי זאָל מיר לייען אַ מעסטל מעל. זאָג, כ'האָב זיך היינט פאַרשפּעטיקט מיטן באַקן...

ציעס דין געשטעלכל האָט געשוועבט מיט דער שמאָלער סטעזשקע איבערן פעלד. די גרינלעכע הונגער־אויגן זיינען צעשראָקענע געלאָפן פאָרויס, און די צעשויבערטע, פלאַקסענע האָר – פליענדיק אין ווינט נאָך איר.

אַרויפגעקומען דאָס שיפּע בערגל צו בלומעס שטוב, האָט ציע געטראָפן די טיר

אויפגעפראַלט. די הינער, וואָס האָבן דאָ אין שטוב נייגעריקע אַרומגעשמייעט, זיינען זיך צעפלויגן דורך די אָפענע פענצטער. נאָר אַ שוואַרצער האָן מיט גלאַנציקע פעדערן און אַ פלאַמיקן קאַם אויפן קאָפּ איז אַ געוואַגטער געשטאַנען אויפן טיש און דרייסט געדזשאָבעט פונעם פריש־געבאַקענעם מאַלאַי (ברויט פון קוקורוזע מעל). ציע איז אים שטאַרק מקנא געווען. זי האָט פון דעסטוועגן געמאַכט אַ טריט אויף צוריק, כדי אים ניט צו שטערן די אַכילה.

אין אויוון האָבן זיך געררויטלט באַקנדיקע קוליטשן און אויף דער קיך ביי די קוילן אַרויסגעשאַרטע פון אויוון, האָט געזאָטן אַ מיט גרינס פאַרבראָקטע יויך און עס האָט אַרויסגעשמעקט אַ ראָסל־פּלייש. ציען האָט זיך פאַרדרייט דער קאָפּ. זי האָט ווי דורך אַ חלום דערזען, אַז דאָס קליינע קוליטשל פאַרנט אין אויוון קען מען דערלאַנגען מיט דער האַנט. זי איז אויף גיך אַרויסגעלאָפן פון שטוב און זיך צעשריגן אויפן קול: בלומע, בלומע! נאָר קיינער האָט זיך נישט אָפּגערופן. איז זי צוריק אַריין אין שטוב און... נישט אויסגעהאַלטן. זי האָט אַריינגעשטעקט דאָס דינע הענטל אין הייסן אויוון אַריין און אַרויסגעכאַפּט דאָס בריענדיקע קוליטשל. זי האָט עס באַהאַלטן אונטערן אָרעם און זיך, גאַלאָפּ, געלאָזט צו דער טיר. אויף דער שוועל פון פאַרהויז איז אָנגעקומען בלומע מיט אַ פול פאַרטוך פריש אויסגעגראָבענע קאַרטאָפל און גרינעם קריפּ אין האַנט. מעכל, דאָס בעל־גופישע פעטע יינגל, איז איר נאָכגעגאַנגען פון הינטן מיט צוויי אָנגעשטאָפּטע קעשענעס באַרן.

ציען האָט פלוצלונג באַשלאָגן אַ שוויס. זי האָט געשלונגען די ווערטער און רויטע פלעקן זיינען אַרויס אויף איר בלייכן פנים. דאָס בריענדיקע קוליטשל האָט חנעוודיק אָפּיגעקוקט פון אונטער איר דין אָרעמל און בלומע האָט דערצו גוטמוטיק, אָבער חוזקדיק געשמייכלט.

– די מאַמע'ט געבעטן איר זאָלט איר לייען אַ מעסטל מעל. ט'זיך היינט פאַרשפעטיקט מיטן באַקן... – האָט ציע שוין צום דריטן מאָל איבערגעחזרט און ביי די לעצטע ווערטער האָט אַלץ פאַרפעלט אָטעם.

בלומע האָט צוגעשטעלט אַ לייטער צום בוידעם און כיטרע שמייכלענדיק האָט זי געהייסן ציען אַרויפקריכן און זיך נעמען אין פאַס אַ מעסטל מעל. דאָ האָט זיך ציע גאָר איינגאַנצן פאַרלוירן. זי האָט געפילט, ווי די ערד עפנט זיך אונטער אירע פיס און זי ווערט איינגעזונקען פון בושה. ווי קאָן זי קריכן אויפן לייטער, האַלטנדיק ס'קוליטשל אונטערן אָרעם? דערצו איז געשטאַנען מעכל און האָט געגלאָצט מיט די אויגן און זיין שמאָלער שטערן האָט זיך טעמפּ געחידושט.

באין ברירה האָט זיך ציע, ציטערנדיק, גענומען קריכן אויפן לייטער. זי האָט זיך אָנגעהאַלטן בלויז מיט איין הענטל און דאָס אַנדערע – שטייף צוגעפּרעסט צום קערפּער. אַרויפגעקומען אויבן, איז זי געווען גליקלעך ערגעץ איינצושטעקן און פּטור צו ווערן פון קוליטשל. אַראָפּ איז זי שוין געקראָכן פלינק און פריי. מעכל איז איר אונטערגעקומען און האָט ביי איר צוגענומען ס'מעסטל פון די הענט. בלומע האָט איר אַריינגעשאָטן ס'מעל אין שירצל אַריין, וואָס זי האָט צוגעהאַלטן מיט איין האַנט און די אַנדערע האָט זי נערוועז געהויבן, ווייזנדיק אַז זי האָט גאָרנישט אונטערן אָרעם. זי איז אַרויס.

אַראָפּגייענדיק פון באַרג איז איר מעכל פאַרלאָפן דעם וועג. ער האָט געוואָלט עפּעס

זאָגן, אָבער זי איז נישט שטיין געבליבן. ער האָט אַרויסגעכאַפּט אַ באַר פון קעשענע און עס קוים באַוויזן איר אַרײַנצושטעקן אין האַנט. זי האָט נישט גענומען, און די באַר האָט זיך אַראָפּגעקייקלט פון באַרג און צעקלאַפּט די גרינע הויט אָן די שטיינדלעך. ציע איז אַוועק פייל פון בויגן. – מאָרגן וועל איך קומען מיט דער ליסע – האָט איר מעכל נאָכגעשריגן.

ציע האָט אין איין אָטעם דערלאַנגט דער מאַמען ס׳מעסטל מעל, אויסטוענדיק פון זיך דאָס שירצל. פּיוול האָט זיך נאָך געבייזערט אויף איר:

– וואָס ביזטו דאָרט געזעסן אַזוי לאַנג?

– כ׳בין דאָך נישט דעזעסן, כ׳בין דעשטאַנען. – האָט ציע באַהאַלטן ס׳פּנים.

אומזיסט האָט די מאַמע אַרומגעזוכט ציען, ווען די מאַמעליגע איז פאַרטיק געוואָרן; ציע האָט זיך פאַרקליבן צווישן די הויכע גראָזן, העט ווייט הינטער דער שטוב, און זיך דאָרט געוואַלגערט אין קאָנוולסיעס. זי האָט געהערט די מאַמע שרייען און האָט זיך נישט אָפּגערופן. פאַר אירע אויגן האָבן זיך געמישט דעם פּאָטערס צעפלאַמטע באָרד און מעכלס שמאָלער שטערן, און איבער זייביידע האָט געשוועבט בלומעס כיטרע שמייכעלע, וואָס ווייסט און פאַרשטייט אַלץ... און קען נאָך דערציילן דעם פּאָטער.

זי איז לאַנג געלעגן מיטן רוקן צו דער פייכטער ערד און די שרעקלעך מאָנענדיקע אויגן אין הימל אַרײַן. אין קעפּל האָבן זיך געפּלאָנטערט מוראדיקע געדאַנקען. זי האָט נישט געוווּסט ווו זיך אַהינצוטאָן, אַז זי זאָל זיך מער נישט דאַרפן ווייזן פאַר קיינעם. עפּעס האָט זי דערמאָנט אָנעם "לאַגון", זי האָט געטראַכט פונעם טייך, נאָר דער מאַמעס פאַרטרעטע אויגן האָבן אַזוי טרויעריק געקוקט אויף איר, אַז עס האָט איר נאָך מער פאַרקלעמט ביים האַרץ. דאָס קינדערשע געמיטל איז געלעגן צעטראָטן אין סאַמע שטויב פון דער ערד...

ערשט ווען די זון האָט שוין געהאַלטן אין אונטערגיין און האָט אַרומגענומען די באַרג־שפּיצן אין פלאַמען, האָט אַ בייסיקע ניכטערקייט זי אויפגעוועקט פונעם פינצטערן קאָשמאַר. זי האָט אָנגעהויבן טראַכטן: עפּעס מוז מען דאָך קאָנען אויפטאָן. זי האָט אַפילו נישט געוווּסט גענוי וואָס, נאָר געפילט האָט זי מיט אַ מאָדנער זיכערקייט, אַז – עפּעס, עפּעס מוז דאָך אַ מאָל געשען, אַז ס׳זאָל מעגלעך זיין אַ טאָג איבערצולעבן...

# א הסתדרות אניואיטי טראסט-קאנטראקט

- פון דער-

# ישראל הסתדרות פונדאַציע

*אינקאָרפּאָרייטעד*

פאַרזיכערט אייך און אייער פרוי: -

* אַ יערלעכע הכנסה אַזוי הויך ווי 10% (לויט די יאָרן); און
* באַדייטנדיקע איינשפּאָרונגען: הכנסה-שטייער, ירושה-שטייער, "פּראָבעיט"-הוצאות, ווי אויך פונעם "קאַפּיטל-געינס"-שטייער אויף סעקיוריטיס, וואָס איר האלט לענגער ווי 6 חדשים.

זייט איר פאַראינטערעסירט...

אין העלפן זיך אַליין דורך העלפן ישראל?

אויב יאָ... טוט זיך אַליין אַ טובה און דערקונדיקט אייך וועגן דעם

נייעם 10% פּראָצענט הסתדרות אַניואיטי טראַסט פונדאַציע.

אירווין קורצמאַן, פּרעזידענט

אברהם פרענק, עקזעקוטיוו-דירעקטאָר

--- שניידט אויס דעם קופּאָן און שיקט צו דורך פּאָסט: ---

---

**HISTADRUT ANNUITY TRUST**
**of the ISRAEL HISTADRUT FOUNDATION, Inc.**

811 Wilshire Blvd., Suite 1700 * Los Angeles, Calif. 90017

Telephone: (213) 683-8036

APPLICATION for Histadrut Annuity Trust Agreement

To be issued to..........................................................

Address..........................................................

Date of Birth..........................Soc. Sec No..............................

Principal Amount $..........................................................

Date................Signature of Applicant..........................................

ישראל גובקין

# קאַזאַרמע (באַלאַדע)

## (פון ציקל "צוואַנגס־אַרבעט, 1916-1917") [1]

ווען סע וויינט אַ קינד באַנאַכט
שטילט עס איין די מאַמע,
ווען סע וויינט אַ האַרץ באַנאַכט
בלייבט עס ניט געטרייסט.

אויפן געלעגער פון שטרוי און זאַק,
די אויגן פאַרמאַכט,
האַלב אַנטדרימלט,
אַן טרערן האָב איך געוויינט;
ווי אַ יתומל אַ קליינס,
אונטערגעוואָרפן
פון אַן אַכזריותדיקער אַם,
ערגעץ אויף אַ בריקל,
אין אַ קאַלטער אָסיען־נאַכט.

אַרום זיינען מענטשן געשלאָפן,
ייד און גוי, יונג און אַלט.
רחמנותדיקער שלאָף,
ווי אַ דערבאַרעמדיקער זיידע,
האָט זיי אין זיינע אָרעמס געטראָגן,
זיך געשלעפט מיט זיי
איבער לענדער אַלערליי
און וואָס אכזריותדיק לעבן
האָט אַוועקגערויבט פון זיי
האָט זיידע – שלאָף
מיט ליבשאַפט זיי געגעבן.

זיי געגלעט און געטרייסט:
שאַט, שאַט, קינדערלעך,
אַט האָט איר אַלץ –
אויגן זיס און ליפּן ווייך,
פאַרנאַכטן שטילע אויף שפּאַצירן;
אַ שענק מיט ביר,
אַ פריינד אַ טרייער,
אַ שמועס גלאַט אַזוי.

שאַט, שאַט, קינדערלעך,
אַט האָט איר אַלץ:
אַ שול מיט פיינע יידן,
אַ מגיד פייער־פלאַם;
אַ ווייב, אַ קינד,
שבת נאָך הבדלה,
און קאָרטאָפל זודיקע
מיט אַ ציבלקע פאַרבראָקט.
טאָ וואָס־זשל ווילט איר נאָך?
ס'לעבן איז קורץ
פול מיט אַנגסטן;
וואָס סע גיט אייך ניט וואָר
גיב איך אייך אין חלום.

שאַט, שאַט, קינדערלעך,
וואָס ווילט איר נאָך?

*

1) באַמערקונג צו "קאַזאַרמע" פון ציקל "צוואַנגס־אַרבעט 1916-1917". אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה (1914-1918) האָבן די דייטשישע אָקופּאַנטן פון מזרח־אייראָפּע עוואַקואירט די יידישע איינוווינער פון בריסק (ברעסט־ליטאָווסק) און אומגעגנט קיין פוילן, און זיי באַזעצט אין די פּוילישע דערפער צו מערב, אַרום מעזריטש און ראַדזין.

די יידישע יוגנטלעכע, 12 יאָר און עלטער, ווי אויך אַ צאָל מיטליאָריקע יידן און ניט־יידן, זיינען גענומען געוואָרן אויף צוואַנגס־אַרבעט.

פאַר מער פרטים, זען באַמערקונגען צו "צוואַנגס־אַרבעט", חשבון 115.

ייד און גוי זיינען טיף געשלאָפֿן,
אונטערטעניק געחלומט;
נאָר אין מיר האָט אַלץ געשריגן,
און חלום־טרייסט איז ניט געקומען.
און זע:
פֿון אַ פֿינצטערן ווינקל
רירט זיך פֿינקלענדיק אַ פֿינטל,
גרעסער, גרעסער ווערט עס,
נעענטער, נעענטער קומט עס –
אַ מענטש!
ניט קיין פּנים, ניט קיין אויגן.
כ׳הער אַ קול, אַ זיפֿצן:
"צו זיין, אָדער ניט צו זיין
אָט דאָס איז די פֿראַגע".

האַמלעט, שעקספּירס האַמלעט,
וואָס טוסטו דאָ?
צאַרטער פּרינץ פֿון אַלטן דענמאַרק,
ווי קומסטו אַצינדער
אין יאָרן פֿון בלוטיקן כאַאָס,
הונגער און נויט;
ווי קומסטו, העלד פֿון איידלקייט,
אין אַ פֿערד־שטאַל קאַזאַרמע:
קיינער פֿרעגט דאָ ניט קיין שאלות,
אין קאַזאַרמע,
און קיין קשיות וועגן לעבן
אַוודאַי ניט.
וואָס מע טראַכט איז:
ווי קריגט מען נאָך אַ שטיקל ברויט?
ווי ווערט מען פּטור,
דאָנערוועטער,
פֿון פֿאַרווערמטן געלעגער?
ווי קריגט מען נאָך אַ מאַרקל
אויף אַ פּעקל ציגאַרעטן?
ווי דרייט מען זיך אויס,
גאָטעניו,
פֿון פּראַצעווען אויפֿן שאָסיי
דעם סלינעוואָטן?

ווי קריגט מען זיך אַריין
אויף קיך־אַרבעט?
נאַשן אַ שטיקל שפּעק,
זיך דערקוויקן מיט הייסן זופּ,
און קריגן עטלעכע קאַרטאָפֿל
אויף וועטשערע.

האַמלעט, האַמלעט, איידעלער פּרינץ,
ווי קומסטו אַהער?

– ווײַנען טוסטו אויף דיין געלעגער
אָן טרייסט און אָן באַשייד,
וואָס זשע טרייבסטו מיט די טענות?
כ׳בין געקומען,
כ׳גיי אַוועק,
כ׳פֿאַרשווינד;
הער זיך איינעט צו דיין האַרץ.
קלענער, קלענער, ווערט דאָס געשטאַלט,
אַ פֿינטל, אַ זיפֿץ און שטיל.

כ׳הער זיך איין –
עפּעס שרייט פֿון מיר אַרויס,
פֿרעגט פֿאַרביטערט:
"צו זיין אָדער ניט צו זיין,
אָט דאָס איז די פֿראַגע"!

*

מיין מאַמע איז געקומען,
מיין ליבע, זעליקע מאַמע,
געקוקט האָט זי אויף מיר
דורך א שלייער
פֿון טוי אַ גרויען,
אָן אַ וואָרט אויף אירע ליפּן,
די בלויע;
שטיל האָט זי געוויינט.

געשטאַנען איז צווישן מיר און טויט
אַ דינינקע מחיצה
פֿון מאַמעס גרויע טרערן
און גרעזעלעך שוואַכע –
ברידערלעך־יתומים...

וו. מאָווא

# אַ פּרעכטיקער אַלבאָם פונעם סקולפּטאָר מילבערגער

אין פּאַריז איז דערשינען אַן אַלבאָם מיט עטלעכע צענדליק רעפּראָדוקציעס פונעם סקולפּטאָר מיכאל מילבערגער, וואָס האָט אַן אַריינפיר־עסיי וועגן קינסטלערס שאַפן פונעם פראַנצויזיש־שרייבנדיקן פּאָעט קלאָד וויזשעי — פּראָפעסאָר פון פראַנצויזישער ליטעראַטור אויפן אוניווערסיטעט אין ירושלים.

פאַר די לעצטע דרייסיק יאָר איז מילבערגערס נאָמען, מיט אַ סך אָנערקענונג, באַקאַנט געוואָרן אין דער יידישער וועלט, ווי איינער פון די וויכטיקסטע קונסטשעפער אין אונדזער צייט. זיינע שאַפונגען געפינען זיך אין אַ סך מוזייען אין פאַרשידענע הויפּטשטעט פון אייראָפּע. אין מאָסקווע, ווו דער קינסטלער איז געקומען ווי אַ יונגער "בעזשעניעץ" — אַ פּליט פון וואַרשע, אין אָנהייב פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, איז ער אויפגענומען געוואָרן אין דער קונסט־אַקאַדעמיע וואָס ער האָט געענדיקט, באַקומענדיק זיין ערן־טיטל פון אַ דאָקטאָראַנט.



שמעון דזשיגאַן

פון די ערשטע וויכטיקע סקולפּטאָרישע שאַפונגען זענען זיינע צוויי מאָנומענטן וואָס זענען אַוועקגעשטעלט אויף צענטראַלע פּלעצער פון מאָסקווע — "אַלעקסאַנדער הערצען" אויף טווערסקי־בולוואַר, און אַן אַרעליעף "פּושקין און מיצקעוויטש", וועלכער באַצירט אַ פאַסאַדע אינעם הויז ווו די צוויי פּאָעטן האָבן זיך באַגעגנט. פון דאָזיקן ווערק האָט די פּוילישע רעגירונג אַרויסגעגעבן אַ פּאָסט־מאַרקע.

אין דעם אַלבאָם "מ י ל ב ע ר ג ע ר" געפינט זיך אַן אָפּקלייב פון עטלעכע צענדליק ווערק, געשאַפן פון דער האַנט פון אַ מייסטער אין געביט פון סקולפּטור; ווערק פון אַ דערהויבענער פאָרמירונג — פון פריער, תיכף נאָך דער מלחמה, אין מאָסקווע, וואַרשע, שפּעטער אין פּאַריז. אין דעם אַלבאָם רעפּרעזענטירט זיך דער קינסטלער מיט אַ צאָל וויכטיקע פּאָרטרעט־ביוסטן, געגאָסן אין בראָנז.

ביים עפענען די ערשטע זייטן קומען די צוויי פריער דערמאָנטע מאָנומענטן, ווי אַנדערע ווערק פון וויכטיקע פּערזענלעכקייטן אין דער יידישער ווי אין דער אַלגעמיינער קולטור־וועלט — שרייבערס, וויסנשאַפטלערס, מלוכה־לייט, ווי אויך געזעלשאַפטלעך־אַקטיווע פּערזענלעכקייטן. חוץ דעם — טיף פאַרטראַכטע

קאָמפּאָזיציעס, צווישן וועלכע מ אַ מ ע  א ו ן  ק י נ ד, וואָס איז אויסגעשטעלט אין „יצחק קאַצענעלסאָן" – מוזיי פֿון קיבוץ לוחמי הגיטאות אין ישראל, דער קיבוץ פֿון די געטאָ־קעמפּער. דעם מוזיי באַצירט אויך אַ זעלטן אינטערעסאַנטער ביוסט־פּאָרטרעט פֿונעם אומגעקומענעם העברעיש־יידישן פּאָעט יצחק קאַצענעלסאָן – מחבר פֿונעם גרויסן פּאָעטישן ווערק „דאָס ליד פֿון אויסגעהרגעטן יידישן פֿאָלק".

זיכער איז מילבערגער ווערט אַ ברייטע אָפּהאַנדלונג, אַ טיפֿערן אַריינדרינג אין זיינע ווערק, וואָס וועט מיט דער צייט אויך קומען. לאָמיר אָבער דאָ דערמאָנען וואָס עס איז וויכטיק פֿאַרן „חשבון" דווקא. מילבערגער איז דער שעפֿער פֿונעם ה. לייוויק־ביוסט, וואָס געפֿינט זיך אינעם הויז פֿון די יידישע שרייבער אין ישראל – אין תל־אביבער „בית־לייוויק", דאָס איז אַ געשאַנק וואָס דער לאָס־אַנדזשעלעסער פֿאַרשטאָרבענער קולטור־עסקן און ווירדיקער פֿאַרערער פֿון יידישע שרייבערס, ווילי שאָר, האָט איבערגעגעבן ווי אַ מתנה בעת דער דערעפֿענונג פֿונעם „לייוויק־הויז" אין מאַי 1970.

מילבערגערס אַלבאָם, וואָס איז דערשינען נישט לאַנג צוריק, איז אַ פּרעכטיקע מאַניפֿעסטירונג פֿונעם קינסטלערס שאַפֿונגען און דערגרייכונגען. מיכאל מילבערגער איז אין דער תקופֿה פֿון כסדרדיקער נייער שאַפֿונג וואָס איז אַ באַרייכערונג אינעם אוצר פֿון דער פּלאַסטישער קונסט, ווו דער יידישער עלעמענט קומט ערנסט צום אויסדרוק אין פֿאַרשידענע קאָמפּאָזיציעס.

---

## קאַסעט מיט נײַע יידישע לידער

ס'איז אַרויס אַ קאַסעט, זומערטעג, מיט נײַע יידישע זינגלידער פֿוןביילע שעכטער־גאָטעסמאַן – אָריגינעלע, לירישע געזאַנגען מיט אַן אמתן יידישן טעם. דער קאַסעט איז אַ דערגאַנצונג צום ביכל זומערטעג: צוואַנציק זינגלידער.

אויפֿן קאַסעט באַטייליקן זיך די טאַלאַנטירטע זינגערס און מוזיקערס מיישקע אַלפּערט (פֿון דער „קאַפּעליע"), פּערל טייטלבוים, דזשענעט לויכטער (פֿון די „קלעזמיידלעך"), עלקע סוויגאַלס (פֿון די „קלעזמאַטיקס"), לאָרין סקלאַמבערג (פֿון די „קלעזמאַטיקס") און גיטל שעכטער־ווישוואַנאַט.

די ווערטער און נאָטן צו די לידער האָט אָנגעשריבן ביילע שעכטער־גאָטעסמאַן; אַראַנזשירט און דיריגירט האָט זיי דער יונגער באַקאַנטער קאָמפּאָזיטאָר בנימין שעכטער.

דער קאַסעט זומערטעג קאָסט 10 אַמעריקאַנער דאָלאַר; דאָס ביכל, וואָס נעמט אַרײַן דעם טעקסט פֿון די לידער, נאָטן, איבערזעץ און טראַנסקריפּציע, קאָסט אויך 10 דאָלאַר. אויב מע קויפֿט איינס פֿון די ביידע, דאַרף מען אויך צורעכענען 2.00 פּאַק־און פּאָסט־געלט; אויב מע קויפֿט ביידע, דאַרף מען צורעכענען נאָר $3.00

מיט באַשטעלונגען זיך ווענדן צו:

B. Gottesman
3338 Bainbridge Avenue
Bronx, New York 10467
(B. Gottesman טשעקן אויסגעשטעלט צו)

אָדער

League for Yiddish, Inc.
200 West 72 Street, Suite 400
New York, NY 10023-2805
(League for Yiddish טשעקן אויסגעשטעלט צו)

גרוניא קאַהן / מאָנטרעאָל

## בענקשאַפט

איך בענק נאָך אייך, הייזקעלעך קליינע,
מיט שבת־ליכט, יום־טובדיק ריינע,
מיט דלות געפּילטע, מיט צרות ״געהאַקטע״,
מיט קינדערלעך קליינע, מיט גרויס נויט געפּאַקטע.

איך בענק נאָך די געסעלעך, נאָך די יידישע גאַסן,
נאָך די יידישע קרעמלעך, נאָך דעם יידישן לשון.
איך בענק נאָך די אַלטע, אַמאָלקע שטעטלעך,
ווו קינדערלעך שלאָפן, צו דריי אין איין בעטל.

כ׳בענק נאָך הערלעכע, ווירדיקע, יידישע טעטער,
וואָס שעמעוודיק וואַרטן אויף זייער באַשערטן.
נאָך שוואַרצע, פאַרחלומטע, יידישע אויגן,
מיט יידישן חן און מיט יידישן גלויבן.

איך בענק נאָך אַמאָליקן, יידישן ניגון,
ווו דאָס יידישע ליד, פלעגט אין וויגל פאַרוויגן,
ווו אַ ספר געווען איז דאָס גרעסטע פאַרמעגן.
איך בענק נאָך אַמאָליקן יידישן לעבן.

זשאַק בורשטין פינער / פּאַריז

# צווישן זון און שאָטן

## (דערציילונג)

לענג אויס דעם בלויען ברעג פֿאָרט די באַן פֿאַמעלעך, פֿאַמעלעך, פֿאַרשווינדט אין די טונעלן און רײַסט זיך באַלד אַרויס צום בלענדיקן ליכט, וואָס קומט פֿון רויטע פֿעלדזן, פֿון פֿאַלמען און בלומען, בעת ווײַסבלוילעכע וואָלקנדלעך שוועבן אויפֿן לויטערן הימל. בײַ די שטעט און שטעטלעך פֿאַזע ברעג גייען בילסעכווײַז אַראָפּ פֿאַסאַזשירן און די מעוועס הייבן זיך אויף מיט געאײַל און געטומל און צעפֿליִען זיך ווײַט, ווײַט אין ים אַרײַן.

די מענטשן וואָס פֿאָרן ווײַטער, שטייען בײַ די וואַגאָן־פֿענצטער און קוקן נײַגעריק און אומגעדולדיק אַרויס צו דערזען עפּעס נײַס און דערפֿילן די נאָענטקייט פֿון זייערע סטאַנציעס. אויך פֿעלאַ מיט איר מאַן דעני זענען אין יענעם פֿרימאָרגן געשטאַנען בײַ אַ וואַגאָן־פֿענצטער און אַרויסגעקוקט מיט אַ טיפֿער נאָגעניש און נײַגעריקייט: ווו געפֿינען זיי זיך איצט? פֿרוי פֿעלאַ האָט אַלע מאָל באַשטימט זייערע אָפּרו־רײַזעס, און אויך דאָס מאָל אים געפֿירט צום "בלויען ברעג", ווו זיי וועלן זיך אײַנאָרדענען אויף די עלטערע יאָרן. אַ גאַנץ לעבן געהאָרעוועט, זיך געמאַטערט, איבערגעלעבט שווערע יאָרן פֿון דער אָקופּאַציע־צײַט, אויסגעהאָדעוועט אַ זון, אַ דאָקטער, אים חתונה געמאַכט, געהאָלפֿן אים אײַנאָרדענען אַ קאַבינעט מיט די מאָדערנסטע מאַשינען פֿון ראַדיאָלאָגיע. די שנור, אַ פּיאַניסטן, פֿאַרנעמט זיך מיט די צוויי ליבע אייניקלעך זייערע. דערנענטערן זיי זיך איצט צו דער שטאָט פֿון זייער פּלאַן.

בײַ פֿעלאַן אין האַרצן רוישט עפּעס אַן אומבאַשטימטער ווײ, אַן אומעט. האָט זי דאָך דערגרייכט, מיט עטלעכע יאָר צוריק נאָך, צו קויפֿן אַן אייגענע וווינונג אויפֿן "בלויען ברעג", פֿאַר וואָס זשע אַזאַ אומרו? זיי וועלן, שטעלט זי זיך פֿאָר, זי מיטן מאַן אירן, דעני, שפּאַצירן תמיד בײַם ברעג פֿון ים און געניסן אויף דער עלטער פֿון אַ ביסעלע רו. צווישן אָט די פֿאַלמען, קוסטעס מיט די פֿיל־פֿאַרביקע בלומען, איז דאָך אַזוי אָנגענעם צו שפּאַצירן. שטעט, שטעטלעך, דערפֿער זענען צעשאָטן אַרום דעם "בלויען ברעג" אין די נידעריקע אַלפּן, מיט די פּיטאַרעסקע אַלטערטימלעכע הײַזקעס. פֿאַר וואָס זשע אַזאַ נאָגעניש, פֿרעגט זיך פֿייגעלע זאָגנדיין שטייענדיק איצט בײַם וואַגאָן־פֿענצטער, דערוואַרטנדיק דאָס ווײַטערע פֿאָרן. איז עס די בענקשאַפֿט נאָך די קינדער, נאָך די אייניקלעך? נאָך דעם טומל און רעש אין פּאַריז? זי דערפֿילט מיט אַ מאָל ווי די יאָרן לייגן זיך שווער אויף איר. זי פּרוווט אַ שמייכל טאָן צום מאַן. ער איז אַ מאָל געווען אַ לוסטיקער, חנעוודיקער בחור, איר דוד. זײַן גוטסקייט, זײַן ווילן צו לערנען, צו וויסן, צו לייענען. אָ, אָ, און אָט זענען זײַנע טריט מידע. די עלטער, די עלטער, טראַכט זי.

נישט ווײַט פֿון קרואַזעט, בײַם וועג לעבן בלויען ים, זענען פֿאַראַן אַזוי פֿיל הײַזער פֿאַר איינזאַמע מענטשן, וואָס די עלטער האָט פֿאַרכאַפּט. אויף די וועראַנדעס זיצן זיי, די עלטערע מענער און פֿרויען און וואַרטן דער טאָג זאָל אַוועקגיין. די נאַכט זאָל אַוועקגיין. אויף וואָס וואַרטן זיי? אויף וועמען? —

די שטאָט דרעמלט ווי אַ פוילע קאַץ אויף דער זון. אַרום – מימאָזאַ־וועלדלעך, וואָס פילן אָן די לופט מיט זיסע אַראָמאַטן. אַזוי פיל זון, אַזוי פיל שאָטן. פעלדער, טאָלן, בערג. אָט פליט פאַרביי אַ זומער־פייגעלע, אַ פילפאַרביקס, שפרינגט פון צווייג צו צווייג. איר בליק פאַלט אויף אַ בלום, וואָס וועלקט פון צו פיל זון. זון און שאָטן. פייגעלע זאָנשיין שפאַצירט דאָ אַרום, קוקט זיך אין אַלץ איין מיט באַוווּנדערונג און צופרידנקייט און מאָלט זיך איר צוקונפט. אַ סך פאָרפעלקער אין זייער שטאַנד און עלטער געפינען זיך דאָ. אויך זיי זענען, נאָך אַן אָפּגערוישט לעבן, געקומען צום "בלויען ברעג" זיך אָפּרוען, געניסן פון דער שיינקייט, וואָס די נאַטור שענקט דאָ דעם מענטשן מיט איר ברייטער האַנט, צו שאַפן אַן אָנגענעמע היים אויף דער עלטער. מען שטייט אויף פרי, מען לאָזט זיך גיין שפּאַצירן, באַטראַכטן ווי די בינען זויגן דעם בלומען־זאַפט, פרייען זיך מיטן לעבן. פייגל בויען זייערע נעסטן, שפרינגען פון צווייג צו צווייג פון בוים צו בוים, שטיפערישע ווינטלעך צערטלען דאָס געזיכט, פרישן אָפּ דאָס געמיט נאָך דער שווערער היץ וואָס הויערט דאָ.

די קינדער אין פאַריז, פאַרטאָן אין זייערע פּראָפּעסיעס, האָבן צוערשט אַ ביסל איבערגעקלערט וועגן טאַטע־מאַמע, ווי אַזוי זיי וועלן זיך דאָרט איינאָרדענען, אַריינפּאַסן זיך אינעם נייעם לעבן ביים "בלויען ברעג". האָבן זיי, ביי זייער גאַנצער פאַריאָגטקייט, געפונען צייט אָנצושרייבן אַ בריוול צו טאַטע־מאַמע. האָט זיך דאָס אַלטוואָרג געגרייסט, געוויזן די בריוו זייערע באַקאַנטע:

– אויף אַלע יידישע טאַטע־מאַמע געזאָגט געוואָרן.

נאָר די בריוועלעך ווערן זעלטענער. שאַרלי, זייער ליבער זון, האָט געפונען אַ לייכטערן אופן – ער רעדט מיט זיי טעלעפאָניש, ער קאַרגט נישט זיין צייט, דערציילט וועגן זיך, וועגן דער פרוי, וועגן די קינדערלעך. די קינדערלעך רעדן אָפּט וועגן פּאַפּי־מאַמי (זיידע־באָבע). מ'איז פאַריאָגט. פריינדשאַפט, פאַרבינדונגען מיט קאָלעגן־דאָקטוירים, אויפנאַמעס. פאַרבעטונגען. אַ פיינע געזעלשאַפט פון פריינד.

מען איז אים פון דעסטוועגן מקנא, דאָקטער זאָנשיינען, וואָס זיינע עלטערן האָבן פאַרשטאַנען און אַוועקגעפאָרן אויפן "בלויען ברעג" צו לעבן זייער לעבן פון "דריטן עלטער"...

– מיר האָבן טייערע קינדער, דעני – האָט פעלאַ געזאָגט צום מאַן –און דו ביסט גאַנצע טעג נאָר פאַרנומען מיט די צייטונגען, און דערנאָך – שווייגסטו...

אַ מענטש זוכט אין עפּעס זיך באַהאַלטן, אַנטלויפן, פון זיך אַליין, פון אַנדערע...

אַ שווייגער – האָט די פרוי געטראַכט – און אָט בלאָנקעט ער גאָר אַרום איבער די פאַרוויילונג־ערטער ווו ס'איז פריילעך, ווו עס ברויזט די יוגנט, ווו עס הילכט דער סאַקסאָפאָן, די "פּאָפּ"־לידער. דאָרט פאַרגעסט ער זיך אפשר. אין דער צייט פון סינעמאַ־פעסטיוואַל, ווען עס פאָרט זיך דאָ אָן אַ וועלט מיט סטאַרן פון אַלע לענדער, באַמיט ער זיך בייצוזיין אויף אַלע פילמען, פרעסע־קאָנפערענצן, קאָקטיילן, בעלער, און ווו נישט? אַפילו אויפן ביכער־יאַריד אין ניס. ער איז געטרוי אינפאָרמירט וועגן די פּרעמירטע שרייבערס. ער קומט אויף קאָנצערטן, אויסשטעלונגען. כאַפּט זיך אויך אַריין אין קאַסינאָ, שטעלט אַ מאָל איין כאָטש ער געווינט נישט, און פילט אַרום זיך דאָס פולסירנדיקע לעבן.

ער האָט אויך ליב אַ לייכטן וויץ, אַ שפּאַס. מען דערמאָנט זיך וועגן דער יוגנט. די

אַלע עלטערע לײַט אין גאָרטן ווייסן שוין אַז דוד זאָגשיין דערציילט אַלע מאָל עפּעס פרייליכס. זיי זיצן, די געעלטערטע מענטשן, אונטער די פּאַלמעס מיט די ברייטע בלעטער, ווי אונטער פּעכערס.

יעדער פון זיי האָט אַ ווייַט־פאַרגאַנגען לעבן הינטער זיך – דאגות, אומעט, באַדויער, בענקשאַפט. דוד באַוויַיזט זיך, צוזאַמען מיט זײַן פרוי פעלאַ, צוגעפּוצטע, אויסגעבאָדענע, און דוד באַגריסט זיי אַלע מיט אַ פרייליכקייט:

– אַ גוט מאָרגן אײַך, "יונגעלייַט"... נו, האָט איר שוין עפּעס אויסגערעדט אויף אײַערע קינדער, פרײַנד? נו, יאָ, אַוודאי, צוויי מאָל יונג איז מען נישט...

אַלע לאַכן גוטמוטיק. אַ גוטער מענטש, דער דוד, נישט קיין נאַר אויך.

– נו, וואָס, מען קלאָגט זיך אויפן מזל? צו מזל, וויל איך אײַך זאָגן, דאַרף מען האָבן אַ ביסל שׂכל אויך.

אַזוי לעשט זיך אויס איין טאָג נאָכן אַנדערן אויפן "בלויען ברעג". טאַטע־מאַמע וואַרטן אויפן טעלעפאָן־רוף פון זייער זון. אפשר וועט די שנור אויך אַרײַנרעדן אַ פּאָר ווערטער. אפשר – אַן אייניקל. דער ווינטער מיט די ווינטן איז פאַרבײַ, און אָט איז שוין ווידער פרילינג. דודן איז אײַנגעפאַלן צו פאַרשרײַבן זיך אויפן אוניווערסיטעט, ספּעציעל פאַרן "דריטן עלטער". פייגעלע האָט זיך דערמאָנט אין איר יוגנט און געפּרוווט נעמען לעקציעס פון מאָלערײַ. דער פּראָפעסאָר האָט זי זייער געלויבט, אַפילו איר צוגעזאָגט אַ קאַריערע. האָט זי געלאַכט, פעלאַ, און זיך דערמאָנט דערבײַ אין איר מוטער: "מאַמע מײַנע, איך שפּיגל זיך אין דיר. דײַן פּנים שטייט מיר פאַר די אויגן, און איך פּרוּוו עס איצט מאָלן".

אָבער די בריוו און די טעלעפאָן־רופן פון די קינדער ווערן אַלץ זעלטענער. און דוד ווערט יעדן טאָג שוואַכער. פון פאַרדראָס, פון בענקשאַפט, פון פאַרלאָזנקייט? פון אַלץ אין איינעם? ער פּרוווט עס אויסבאַהאַלטן און אָפט רופט זי אים אין מיטן דער נאַכט:

– שלאָפסט נישט, דוד?

– כ׳פּיל זיך נישט מיט אַלעמען. אין מײַן עלטער מוז מען פאַר ליב נעמען אַ קלעם אין האַרצן אויך...

וואַקסט בײַ איר דער אומרו. אפשר זאָל זי אָנרופן די קינדער, אַז דער זון פאַל זאָל דערהערן דאָס קול פון דודן? ער וויל דאָך אַפילו נישט גיין צו קיין דאָקטער. אמת, זיי לעבן דאָ ווי אין אַ גן־עדן, אָבער זיי זעען ווי מענטשן פאַרגייען דאָ ווי שאָטנס. אַ זעלטענער פונק פון פרייד צערינט שנעל.

דער האַרבסט רוקט זיך אָן מיט זײַנע ווינטן, וואָלקנס. עס פאַלן די בלעטער. די פאַלמעס וויגן זיך אומעטיקע אונטערן גרויען הימל. די נעכט זענען לענגערע. ער איז פאַרקילט, דוד, ליגט אין בעט, פיבער. און ער בעט זיך בײַ איר זי זאָל גאָרנישט זאָגן די קינדער.

– אפשר וועל איך נאָך געזונט ווערן?

סײַ ווי זענען די טעלעפאָנען זעלטענע און קירצערע. דאָך גייען זיי אַרויס אויף די שפּאַצירן, קוקן זיך צו ווי די עלטערע מענטשן אויפן שיינעם בלויען ברעג שלעפן קוים די פיס; ווי דער שאָטן פון טיפן האַרבסט לויערט אויף זיי.

זי האָט אָבער באַשלאָסן, פעלאַ, אָן דעם מאַנס וויסן, גיין צום דאָקטער און דערוויסן

זיך וועגן אמתן צושטאַנד פון איר מאַן. זי האָט אים אַ ווײַלע געלאָזט זיצן אויף דער טעראַסע, צווישן בלומען און עקזאָטישע געוויקסן. ער האָט מער נישט געהאַט קיין געדולד צו לייענען די צײַטונגען, אַרײַנצוקוקן אין אַ בוך. בלויז די שטילע מוזיק פון טראַנזיסטאָר האָט אים באַגלייט – די קלאַסישע מוזיק־קאָנצערטן. אין דעם טאָג האָבן זיך באַוויזן אויפן האָריזאָנט וואָלקנדלעך, געיאָגטע פון ווינט. דאָס איז דער ווינט פון די דרום־ברעגן, דער "מיסטראַל". ס'איז געווען אַ שפּיל צווישן זון און שאָטן.

דוד האָט שווער געאָטעמט. ער האָט געפיבערט.

פעלאַ האָט זיך נישט געאײַלט אַהיימצוגיין. זי איז מיט אַ לײַכטן גאַנג אַרויף אויף די שטיגן און געזוכט צו דערצײלן אים עפּעס פריילעכס. זי האָט אים אָבער געטראָפן אײַנגעשלאָפן אויף אייביק...

בײַם טעלעפאָן צו אירע קינדער אין פּאַריז האָט זי קיינעם נישט געטראָפן. זיי זענען געהאַט אַוועקגעפאָרן ערגעץ צו די ברעגעס פון אַטלאַנטיק נישט לאָזנדיק קיין אַדרעס.

ערשט אין אַ צוויי וואָכן אַרום איז די מאַמע פעלאַ געשטאַנען בײַם טעלעפאָן אַ צעקלעמטע, אַן אויסגעלאָשענע, און דער זון, אויף יענער זײַט טעלעפאָן־דראָט, איז געווען מונטער, פריילעך. ער האָט גערעדט, גערעדט און די מוטער האָט געשוויגן. צולעצט האָט ער אַ פרעג געטאָן:

– וואָס מאַכט דער טאַטע?... און דו אַליין?

איר קול איז פּלוצים שטום געוואָרן. דער זון האָט אַ פרעג געטאָן:

– וואָס איז געשען, מאַמע? אפשר זאָל איך קומען?

– אויב דו ווילסט מיך נאָך זען, קום...

– און דער טאַטע?

– שוין צו שפּעט... נישטאָ מער... מיר האָבן דאָ געלעבט אין דער זון און דער טאַטע איז געשטאָרבן אין שאָטן.

## משה עטינגער ז"ל

אין ניו־יאָרק איז פאַריקן יאָר געשטאָרבן דער דיכטער מ ש ה ע ט י נ ג ע ר, מחבר פון אייניקע לידער־ביכער. ער האָט זיך געדרוקט אין אַ צאָל יידישע צײַטשריפטן און זייער אָפט אין "חשבון". כבוד זײַן אָנדענק!

רעד. און פאַרוואַלטונג
פון "חשבון"

יצחק קאַהאַן / מעלבורן

# אַרטור מילערס אויטאָביאָגראַפיע

אַרטור מילער האָט זיך ווי אַ דראַמאַטורג קונה שם געווען מיט זיין דראַמע "דעטה אָף עי סיילסמאַן", וואָס ווערט באַטראַכט פאַר דער בעסטער פיעסע וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין דעם יאָרהונדערט. ער איז אויך געווען דער מענטש וואָס האָט זיך קעגנגעשטעלט דעם מכשפות-געיעג פון מעקאַרטין אין אַמעריקע, אַ פּראָצעס וואָס האָט בשעתו צוגעצויגן דעם אויפמערק פון ליבעראַלן דעמאָקראַטיזם אויף ביידע זייטן אַטלאַנטיק. דאָס קאַפּיטל געהערט צו די "בראָדעוועס" פון דער דעמאָקראַטישער געשיכטע אין אַמעריקע, וואָס האָט נישט דאַן געבראַכט קיין כבוד דער אינסטיטוציע פון דער אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע אין 20טן י"ה.

אַרטור מילער איז געבוירן געוואָרן אין מאַנהעטן, ניו־יאָרק סיטי, אין 1915, אַ יאָר נאָכן אויסברוך פון ערשטן וועלט־קריג. נאָכן גראַדויִרן אין דעם מיטשיגען אוניווערסיטעט, האָט ער זיך גענומען צו טעאַטראַלער טעטיקייט, ווו ער איז איינער פון די פּראָדוקטיווסטע קינסטלער־דראַמאַטורגן. ער האָט פאַר אַ ריי פון זיינע פּיעסן באַקומען אַ סך פּריזן.

זיין אויטאָביאָגראַפיע איז אַ יחיד במינו, און האָט אַרויסגערופן אַזאַ דערפאָלג, אַז זי איז אויך דערשינען אין אַ בראָשורטער אויסגאַבע אין 1988. אויספירלעך שילדערט ער זיין משפחה, זינט ער געדענקט זי פון זיינע פריסטע קינדער־יאָרן. קודם כל – זיין מאַמען, וואָס איז געווען אַ גרויסע לייענערין פון ביכער. זי האָט נישט געקענט קיין איינעם פון דער משפחה וואָס זאָל נעמען אַ מאָל אַ בוך אין דער האַנט אַריין צום לייענען, אָבער זי גופא האָט בייטאָג געקענט אָנהייבן לייענען אַ בוך און נאָך מיטאָג ווייטער לייענען און פאַרענדיקן דאָס בוך נאָך האַלבער נאַכט. זי האָט פאַרגעדענקט יעדן פּרט פון בוך איר גאַנץ לעבן. זי האָט געקענט די נעמען פון דער גאַנצער בריטישער קעניגלעכער פאַמיליע.

איר פאָטער, לואיס באַרנעט, האָט געשטאַמט פון פּוילישן שטעטל ראַדאָמישל. פון זעלבן שטעטל האָט געשטאַמט אַרטורס זיידע פון פאָטערס צד, וואָס האָט עמיגרירט אין די 1880ער יאָרן. שילדערט מילער ווי אַזוי עס האָט אויסגעזען זייער שטוב אין זיינע יינגסטע קינדער־יאָרן. כאַראַקטעריסטיש איז, וואָס מילער דער דראַמאַטורג האָט זיך באַנוצט מיט דעם אויסזען פון זייער טיש אין עסצימער בעת זיינע קינדער־יאָרן אין זיין פּיעסע "דער פּרייז". זיין פריינד באַריס, מיט זיין רוסיש־יידישן אַקצענט און מיט זיין פלאַסטישן צוגאַנג צו שפּראַכן, איז געווען דער פּראָטאָטיפּ אין דער דערמאָנטער פּיעסע פאַר גרעגאָרי סאָלאָמאָן, דער 98יאָריקער הענדלער פון אַלטע מעבל.

צו האָבן אויף דער סצענע דעם זעלבן טיש, וואָס איז געווען אין צענטער פון זייער לעבן בעת זיין קינדהייט, איז פאַרן דראַמאַטורג געווען מער ווי אַ סענטימענט. אגב דערציילט ער, אַז ווען ער האָט צום ערשטן מאָל געהערט אַז יידן רופט מען "עם הספר" (דאָס פאָלק פון בוך), האָט ער עס אָנגענומען, אַז מען באַצייכנט מיט דעם אַלגעמיינע ביכער און נישט דווקא די תורה. ביז צו 20־יאָר איז אַרטור געוואָרן דערצויגן צווישן יידן, און ער האָט נישט געזען יידן זאָלן לייענען ביכער. דאָך האָט עס געשאַפן ביי אים

אַ יראת הכבוד פון דער פּריסטער צייט צו ביכער און ווען ער פלעגט אַפילו יאָרן שפּעטער אַריינקומען אין אַ שטוב וווּ ער האָט נישט געזען אַ שאַנק מיט ביכער, האָט ער עס אויפגענומען מיט אַ בייגעשמאַק.

אַרטור מילער האָט אָנגעהויבן זיינע שול־יאָרן צו זעקס יאָר. ער זאָגט אַז ער האָט קיין מאָל נישט געהערט קיין אַנטיסעמיטישע באַמערקונג. ער שילדערט גאַנץ אויספירלעך דעם פיזישן און גייסטיקן פּייסאַזש פון זיינע עלטערן, אָנווייזנדיק דעם אונטערשייד אין זייערע נאַטורן. דער פאָטער האָט במשך פון זיין לעבן אינסטינקטיוו נישט סענטימענטאַליזירט יידן, בעת זיין מוטער האָט דערוואַרט אַ מין העכערע סענסיטיוויטעט פון זיי און געווען אַפילו אַנטוישט נישט זעענדיק ביי זיי קיין העכערע מאָראַל.

אגב, רעדנדיק וועגן זיינע קינדער־יאָרן, דערמאָנט ער אַ פאַל ווען ער איז אַנטלאָפן פון שטוב, וואָס איז געווען אַ מין פאָרם פון "זעלבסטמאָרד" מיטן ציל צו באַשטראָפן יעדן איינעם. ער דערמאָנט אויך אַז עס איז אים אויסגעקומען צו זען צוזאַמען מיט זיינע עלטערן נאָך אין די קינדער־יאָרן דעם יידישן טעאַטער וווּ עס האָט דאַן געקיניגט דער גרויסער יידישער אַקטיאָר, יעקב אַדלער.

מילער שילדערט זיין חתונה האָבן מיט אַ נישט־יידיש מיידל, מערי, וואָס האָט געהאַט אַ קאַטוילישן אָפּשטאַם. יודאַיזם און קאַטאָליציזם זענען פאַר זיי ביידע געווען טויטע געשיכטע. אָבער דער פּריסטער האָט געפאָדערט פון יונגן פּאָרל, אַז זייערע קינדער זאָלן דערצויגן ווערן אַלס קאַטאָליקן, וואָס זיי האָבן, נאַטירלעך, נישט געהאַט בדעה צו טאָן. געווען איז עס אָנהייב די 1940ער יאָרן, איידער אַמעריקע איז אַריין אין דעם צווייטן וועלט־קריג. די וואָס זענען געווען קעגן אַמעריקעס אָנטייל אינעם קריג, האָבן פּראָפּאַגאַנדירט קעגן "דער אינטערנאַציאָנאַלער" יידישער באַנקירן־קאָנספּיראַציע", וואָס זוכט אַריינצוציען אַמעריקע אין דעם קריג. מילער דערמאָנט דעם פּרעדיקער, טשאַרלס קאָהלין, וואָס פלעגט רעדן צו זיינע צען מיליאָן צוהערערס, אַז דער פּרעזידענט (רוזוועלט) איז אַ ליגנער, וואָס איז קאָנטראָלירט דורך ביידע; די יידישע באַנקירן און די יידישע קאָמוניסטן, וואָס האָבן מיט אַ צוואַנציק יאָר צוריק אָרקעסטרירט די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע און ווילן עס איצט איבערחזרן אין וואַשינגטאָן... זיינע צוהערערס האָבן באַטראַכט דעם היטלעריזם ווי אַ מין דייטשע פאַרטיידיקונג קעגן דער געפאַר פון קאָמוניזם, קעגן די "שלעכטע יידן", ספּעציעל די וואָס זענען געבוירן געוואָרן מחוץ דייטשלאַנד. אָט די פאַרסמטע אוידיציעס פון געבעלס נאַציסטישער פּראָפּאַגאַנדע, האָבן געהאַט אַ גוטן אָפּקלאַנג ביי די אַמעריקאַנער פאַראָרעמטע פאַרמערס, וואָס האָבן דאַן שטאַרק געליטן פון דער עקאָנאָמישער דעפּרעסיע אין לאַנד. די דעמאַגאָגיע האָט אויך געהאַט אַ פּרוכטיקן באָדן ביי די קאַטאָליקן, פּראָטעסטאַנטן.

מילער שילדערט די פּראָטאָטיפּן, וואָס האָבן אים סטימולירט צו שאַפן זיינע פּילצאָליקע פּיעסן מיט זייער קאָלירפולן טיפּאַזש, סיי די דערפּאָלגרייכע, און די וואָס זענען דורכגעפאַלן. ער דערציילט אויך ווי אין 1953 — דאָס ערגסטע יאָר פון מעקאַרטיזם אין אַמעריקע — האָט אים דער רעדאַקטאָר פון אַ זשורנאַל געבעטן ער זאָל צוריק באַזוכן דעם קעמפּוס פון זיין אוניווערסיטעט, וווּ ער האָט זיך געלערנט אין די 30־ער יאָרן און זען די פאַרענדערונג וואָס איז פאָרגעקומען. זיין אַלטער ענגלישער

פראָפעסאָר, עריק וואָלטער, וואָס איז געוואָרן דער קאַנצלער פון אוניווערסיטעט, האָט אים געזאָגט, אַז די פבי"איי האָט געפאָדערט פון די לערערס און סטודענטן צו אינפאָרמירן איינער אויפן אַנדערן...

ער שילדערט וואָס האָט זיך אָפּגעטאָן אויפן קעמפּוס בעתן שפּאַנישן בירגער־קריג און רופט אָן אַ ריי נעמען פון זיינע מיטצייטלער סטודענטן. בעתן לייענען איז מיר געקומען אויפן געדאַנק דער פאַרגלייך מיט דעם קאָמסאָמאָל אין די שולן פון ר"פ, ווי אַזוי עס שילדערט עס דער רוסישער שרייבער ריבאַקאָוו אין זיין בוך "די קינדער פון אַרבאַט".

די סטודענטן פון די 30ער יאָרן זענען געווען די פאָטערס פון סטודענטן בעת דער מלחמה אין וויעטנאַם. די יונגע מענטשן האָבן זיך נישט פאַרנומען מיט אידעאָלאָגישער רעטאָריק, ווי עס איז געווען בעת די הילטער־יאָרן. פאַר די אַמעריקאַנער סטודענטן אין די 30ער יאָרן, איז היטלעריזם מיט אַלע זיינע סכנות, געווען געאָגראַפיש אַ ווייטער ענין: – צי דאַרף אַמעריקע אַריינגיין אין אַן אייראָפּעישער מלחמה? אָבער בעת דער וויעטנאַמער מלחמה האָט זיך עס געהאַנדלט אין אַ פּערזענלעכן ענין. דער מחבר שילדערט אַן אַנטי־וויעטנאַמער סימפּאָזיום אין דעם אוניווערסיטעט אין מיטשיגען – אין וועלכן ער האָט אָנטייל גענומען – וואָס האָט אָנגעהאַלטן דריי טעג און דריי נעכט. די קלאַסן זענען געווען געשלאָסן אויף דריי טעג און די לעקטאָרן האָבן גערעדט וועגן דרום־מזרח אַזיע, וועגן דער געשיכטע פון וויעטנאַם, די שפּראַך, פּאָעזיע און רעליגיע. ביים צוהערן זיך צו די רעדנער האָט מילער געטראַכט וועגן זיין אייגענעם טאָטן, ווען ער וואָלט דאָ געווען צווישן עולם (ווי אין טעאַטער). אַפילו ער וואָלט געקענט פאַרשטיין, צי וואָלט עס אים באַוויזן?

פונקט ווי אין די 30ער, האָבן דאָ אויך די דערוויייטערטע געהאַט די נבואה וועגן אויסגאַנג, אָבער נישט די מאַכט: "מיר זענען אין יאָר 36 און 37 געווען זיכער, אַז אויב מען וואָלט באַזיגט פראַנקאָן, וואָלט מען אויסגעמיטן אַ נייעם וועלט־קריג. אַ דעמאָקראַטיש שפּאַניע וואָלט היטלערן נישט געגעבן דעם שטויס צום קריג, בעת אַ פאַשיסטישער פאַרבינדעטער וועט זיכער ברענגען צו אַן אַלגעמיינעם אייראָפּעישן קריג". בעת וויעטנאַם, איז געווען אוממעגלעך אין 1965 פאָרויסצוזען, אַז 58 טויזנט אַמעריקאַנער זעלנער וועלן אומקומען אויפן פראָנט און אַוועקשטעלן אויף די קני די אַמעריקאַנער געזעלשאַפט.

מילער שטעלט זיך אָפּ גאַנץ אויספירלעך אויף דעם גרויסן קריזיס ביים סוף 20ער און אָנהייב 30ער יאָרן. אין לויף פו דער דעפרעסיע האָבן זיך געשאַפן אָנגעשטרענגטע באַציונגען צווישן די פאָטערס מיט זייערע קינדער און דאָס איז אויך געשען ביי דער מילער־משפּחה.

ערשט מיט יאָרן שפּעטער האָט אַרטור מילער איינגעזען וויפל מענער־שרייבערס האָבן געהאַט טאַטעס וואָס זענען געווען אין לעבן אַ דורכפאַל. ער דערמאָנט די נעמען: פיצדזשעראַלד, פאָלקנער, העמינגוועי (זיין טאַטע האָט זיך גענומען דאָס לעבן), טאָמאַס וואָלף, סטעינבעק, וויטמען, מעלוויל, טשעכאָוו, דאָסטאָיעווסקי, סטרינדבערג און אַ לעגיאָן אַנדערע. מילער האָט די דעפרעסיע באַטראַכט פאַר אַ מאָראַלישער קאַטאַסטראָפע, נישט בלויז ווי אַ פינאַנציעלע.

דער זיכרון טוט אומפאַרמיידלעך ראָמאַנטיזירן די פאַרגאַנגענהייט. דער מוח היילט

דעם עבר ווי אַ ווונד, זאַכן זענען שטענדיק געווען בעסער, ווי זיי זענען איצט. דער שרייבער וויל ענדערן די וועלט. אַ גרויסע דראַמע מיינט גרויסע פּראַגן, אָדער עס איז גאָרנישט נאָר טעכניק. מילער מעדיטירט וועגן זיין העלד ווילי לאָמאַן (אין "טויט פון אַ סיילסמאַן") – אַ מענטש וואָס איז שטענדיק פול מיט רייד, בעסער נאָך, אַ מענטש וואָס קען נישט אויפהערן צו פּרובירן, ווי דער ביבלישער אָדם, אָפּצורופן זיך אויף דער וועלטס ווונדער. אָט די כאַראַקטעריזאַציע האָט מילער געזוכט צו פאַרקערפּערן אין זיין העלד.

אין זיין אויטאָביאָגראַפיע דערציילט ער ווי אַזוי ער איז אַפילו געקומען צום נאָמען פון זיין העלד, זיין פּסיכיק. די פּיעסע איז אין תוך גענומען אַ סצענאַריע פון די פּרווון פון זיין פרוי און זין, און פון ווילין גופא, צו פאַרשטיין וואָס עס ברענגט אים צום אומקום.

דערציילט ער פון דעם גרויסן דערפאָלג בעת דער פּרעמיערע פון דער פּיעסע און די ערשטע אילוזיע פון באַרימטקייט. עס האָט אים גענומען אַ לענגערע צייט עס אָפּצושאַצן, אַז אַזאַ אָנערקענונג קאַרבט זיך איין מיט אַ באַריר פון אַראָגאַנץ. דראַמאַטורגיע איז פאַר מילערן געווען אַן אַקט פון זיך־אַנטדעקונג, אַ מין דערלויבעניש צו זאָגן דאָס אומגעזאָגטע. ער רוקט אַרויס דעם יידישן מאָמענט, זאָגנדיק, אַז די מורא פאַר דעם ייד, איז קודם כל די מורא פאַר זיין אינטעליגענץ, וואָס איז מיסטעריעז און טייוולאָניש. עס איז אויך די מורא פון מענטשן וואָס שיינען צו לעבן אַנדערש ווי זיי, אַ שפּיגל־אימאַזש פון דעם יידס אָפּשאַצן דעם נישט־ייד.

מילער שטעלט זיך אָפּ אין זיין אויטאָביאָגראַפיע אויף דעם סוף 40ער יאָרן, ווען דער א"ג "קאַלטער קריג" האָט סטימולירט צו באַקרעפטיקן אין קאָנגרעס דעם קאָמיטעט, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט אויספאָרשן די "אומאַמעריקאַנער אַקטיוויטעטן", וואָס איז געוואָרן אין האָליווד אַ פּערמאַנענטער מין פון אַ "מחשבה־פּאָליציי". אין ניו־יאָרק, אין וואַלדאָרף־אַסטאָריע האָטעל, האָט אין 1949 געדאַרפט פאַרקומען אַ "קולטור־און וויסנשאַפטלער־קאָנפערענץ פאַר וועלט־שלום". ווי באַוווסט האָבן די קאָמוניסטן אויסגענוצט פאַר אַזעלכע קאָנפערענצן די באַרימטע נעמען פון דער ליטעראַרישער און קינסטלערישער סצענאַריע, וועלכע זענען געווען סימפּאַטיקער פון ר"פ. אַרטור מילער איז דעמאָלט שוין אויך געווען אַ באַרימטער נאָמען פון דער דראַמאַטורגיע נאָך זיין קאָלאָסאַלן דערפאָלג מיט דער פּיעסע "סיילסמען".

ערב דער קאָנפערענץ האָט דער "לייף" מאַגאַזין אָפּגעדרוקט צוויי זייטן מיט פּאָטאָס פון עלטלעכע טוץ אַמעריקאַנער אָנטיילנעמער. די "אָנטיילנעמערס" אָדער שטיצערס זענען געוואָרן אַ צילברעט פאַר דעם קעגנשטאַנד פון אומלאָיאַלקייט. אויסער דעם איז אין דער פּרעסע געווען ווי אַ גרויסע נייעס, אַז יעדער איינגאַנג אין "וואַלדאָרף" וועט ווערן בלאָקירט דורך רייען פון נאָנעס וואָס וועלן מתפּלל זיין פאַר די נשמות פון די אָנטיילנעמערס, וועלכע זענען פאַרפירט געוואָרן פון שטן. אינעם פרימאָרגן פון דער קאָנפערענץ, דערציילט מילער, האָט ער געדאַרפט דורכגיין צווישן צוויי איידעלע נאָנעס, וואָס האָבן געקניט ביים אַריינגאַנג. אַ חוץ די פאַנעל־רעדנערס איז געקומען אַ קליינער עולם. פּחד איז געווען אין דער אַטמאָספער פון זאַל און סך הכל זענען געווען אַ 20 מענטשן.

מילער פרוווט באַרעכטיקן זיין אָנטייל ווי אַ פּאַרזיצער פון אַ פּאַנעל כדי צו ראַטעווען די לאַגע פון דער צעריסנקייט צווישן די אַליאירטע נאָך דעם היטלער־קריג. ער שרייבט: "עס איז געווען סכנהדיק אָנטייל צו נעמען אין דעם גורלדיקן פּרווו צו ראַטעווען די מלחמהדיקע אַליאַנץ מיטן ר"פ בעת עס איז געשטיגן דער דרוק פון ק אַ ל ט ן  ק ר י ג... פאַר מיר, שרייבט ער, איז די קאָנפערענץ געווען אַ באַמיונג ממשיך צו זיין אַ גוטע טראַדיציע, וואָס איז איצט געווען באַדראָט... עס איז פאַר מיר אָן ספק, אַז אָן דעם סאָוועטישן ווידערשטאַנד וואָלט דער נאַציזם דעראָבערט גאַנץ אייראָפּע ווי אויך ענגלאַנד, מיט דער מעגלעכקייט אַז אַמעריקע זאָל האָבן דעם אויסוואַל צווישן איזאָלאַציאָניזם אָדער מאַכן אַ משא ומתן מיטן פאַשיזם..."

מילער מאַכט זיך פאַרגעסן, וואָס סטאַלין האָט געטאָן אין די יאָרן נאָכן זיג איבערן נאַציזם. דער א"ג קאַלטער קריג איז דאָך געווען אַ רעזולטאַט פון דעם וואָס סטאַלין האָט געטאָן סיי אין אייראָפּע און אויך אויף אַנדערע קאָנטינענטן. ביידע צדדים טראָגן די שולד פאַר  דעם קלימאַט וואָס האָט זיך געשאַפן אין דער מערב־וועלט ביים סוף פון די 40ער יאָרן, און מילער נעמט אויך נישט אין אַכט די באַדינגונגען וואָס האָבן סטימולירט דעם מעקאַרטיזם אין די פאַראייניקטע שטאַטן. ער דערציילט נאָר די באַקאַנטע פאַקטן, וועלכע איך גיי דאָ נישט איבערחזרן.

אינטערעסאַנט איז אָבער זיין באַמערקונג, ווי אַזוי דער גרויסער קאָמפּאָזיטאָר, דימיטרי שאָסטאַקאָוויטש האָט אויסגעזען ווען ער האָט געלייענט זיין פּראָ־סאָוועטישע רעדע, און דער וואָס האָט אים באַגלייט (מסתמא פון דער נ.ק.וו.ד.), האָט אפילו נישט געפּרוווט פאַרזוכטעלן אים פאַר די מיטגלידער פון פּאַנעל. אָבער נאָך זיין רעדע האָבן עטלעכע פון די פאַרזאַמלטע אויפגעהויבן די פראַגע וועגן דער סאָוועטישער פאַרפאָלגונג פון קינסטלער, און די סאָוועטישע אָקופּאַציע פון מזרח־אייראָפּע. דער גרויסער רוסישער קאָמפּאָזיטאָר איז אין יענעם מאָמענט געווען "אין אַ טויט־דועל מיט סטאַלינען", ער האָט נאָך זיין איבערגעלייענטער רעדע געשוויגן און מיט קיין וואָרט נישט אָפּגערופן זיך. עס איז פאַקטיש קיין דעבאַטע נישט פאָרגעקומען אויף דער קאָנפערענץ, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט דער פאַרשטאַרקונג פון קאַלטן קריג.

וואָס שייך זיין דראַמאַטורגישער טעטיקייט, שילדערט ער ווי אַזוי עס איז צוגעגאַנגען מיט זיינע פּיעסן ביז ער איז געוואָרן באַרימט דורך די דערפאָלגרייכע אויפפירונגען. ער גיט ביי דעם אַזאַ באַמערקונג: עס נעמט אַ לענגערע צייט צו אַקצעפּטירן אַז באַרימטקייט איז בלויז אָן אַנדער פאָרם פון איינזאַמקייט. ספּעציעל אין דער צייט ווען דראַמאַטורגיע איז מער באַטראַכט געוואָרן אַלס אַ מלאכה ווי אַ קונסט. ער שרייבט אַז ווען עס איז פילמירט געוואָרן "סיילסמען" – דורך קאָלומביאַ – האָט די פילם־געזעלשאַפט פאַרלאַנגט פון אים ער זאָל פאַרענפטלעכן אַן אַנטי־קאָמוניסטישע דערקלערונג צופרידנצושטעלן דעם "אַמעריקאַנער לעגיאָן", וועלכער האָט געדראָט, אַז אויב ער וועט עס נישט טאָן (אַ ריטואַל אין יענעם פעריאָד) וועט עס ברענגען צו אַ פּיקעטינג־קאַמפּאַניע קעגן פילם איבערן לאַנד. מילער האָט זיך אָפּגעזאָגט עס צו טאָן. דאַן האָט קאָלומביאַ אים פאַרבעטן צו זען אַ פילמירונג אויף אַ 25 מינוט, אַ מין קיצור וואָס זיי האָבן געמאַכט ווי אַן אַריינפיר צו דער פּיעסע, ווו עס וועט נאָר ווערן געוויזן.

דאָס איז געווען אַ קליין מייסטערווערק געמאַכט אויפן קעמפּוס פון דער ניו־יאָרקער

"ביזנעס־שול"־קאָלעדזש מיט דעם אינהאַלט פון אינטערוויוען מיט פּראָפעסאָרן, וועלכע האָבן דערקלעכט קליפּ און קלאָר, אַז ווילי לאָמאַנס כאַראַקטעריזאַציע איז נישט טיפּיש, נאָר אַ צוריקטריט צו דער פאַרגאַנגענהייט, ווען אַ "סיילסמען" האָט געהאַט אַזאַ סאָרט פּראָבלעמען, אָבער איצט איז דאָס פאַרקויפן געוואָרן אַ פיינע פּראָפעסיע מיט אַן אַ שיער ספּיריטועלע קאָמפּענסאַציעס, ווי אויך פינאַנציעלע.

פאַקטיש, זאָגט מילער, האָבן זיי געקלונגען ווי ווילי לאָמאַן מיט אַ דיפּלאָם, פּעט פון זייער דערפאָלג. אַ פּאָר פון עקזעקוטיוו פון דער קאָלומביאַ־דירעקציע, וואָס זענען געווען צוזאַמען מיט מילערן בעת דער דעמאָנסטרירונג פון דעם אַריינפיר, האָבן געוואָלט זען זיין רעאַקציע. זיצנדיק צוזאַמען מיט אָט די גוט באַצאָלטע עקזעקוטיוו־מענטשן, איז מילער אַריינגעצויגן געוואָרן אין אַ באַראַזש פון סתירהסדיקע סענסאַציעס, אָבער איבער אַלץ האָט געהאָנגען אַן אומאויסדריקלעכער שוידער, וואָס האָט רעפּרעזענטירט די שאַראַדע. די אומגעזעענע אָנוועזנקייט אין צימער איז געווען די פּאַטריאָטישע דראָונג צו דערהרגענען קאָמערציאָנעל דעם פילם מיט אַ קאַמפּאַניע קעגן דעם דראַמאַטורג. ער האָט געפרעגט: צוליב וואָס האָט איר געמאַכט דעם פילם אויב איר שעמט זיך אַזוי מיט אים? פאַר וואָס זאָל קיינער זיך נישט אויפהייבן און אַרויסגיין פון טעאַטער אויב דער פילם איז זינלאָז און נישט צו דער צייט? ער איז נישט געווען זיכער בעת ער האָט געטראַכט אַז זיין טיראַדע איז געווען פאַר זיי אַ הילף. זיי האָבן זיך צעשיידט אויף אַן איידעלן, גוטן אופן.

מילער זאָגט וועגן זיך, אַז ער האָט געגלויבט אין זיינע פּרוּוון צו דראַמאַטיזירן זיין זין פון לעבן. ער זאָגט: איך האָב נישט געקענט לעבן, נישט זיין גליקלעך, אָן די מיטאָסן פון מיין קינדהייט, וועלכע זענען אין דער לעצטער שורה די קערנער פון אונדזער גלויבן אין זיך און אין דער וועלט. אַ דראַמע קען נישט סתם באַשרייבן אַן עמאָציע, עס דאַרף אַליין ווערן עמאָציע. אַ טעמע איז נישט אידעע; עס איז אַן אַקציע, אַן אומאויפהערלעכער פּראָצעס. וואָס שייך כאַראַקטערן, גיט ער אַ ביישפּיל פון די, וואָס רעדן נישט קיין סך און קענען זיך אויפהייבן פון טיש און איבערלאָזן דעם איינדרוק, אַז ער איז געווען אינטים גוט באַקאַנט מיט ווינסטאָן טשוירטשיל, מאַהאַטמאַ גאַנדי און אפשר אויך גערטרוד סטיין.

רעדנדיק וועגן מערעלין מאָנראָע אין דער צייט, ווען זיי זענען געווען צוזאַמען, דערציילט ער ווי זיי האָבן פאַרבראַכט זייער צוזאַמען־זיין אָפּגעזונדערט, אַריינגעצויגן אין לענגערע געשפּרעכן. עס האָט זיי פאַרבונדן דאָס געטיילטע שווייגן, וואָס איז מיסטעריעז ווי סעקסואַליזם און אַזוי האַרט עס צו ברעכן, וואָס האָט זיך אויך אָנגעהויבן פאָרמירן.

נאָך איינעם פון די דאָזיקע שווייגענישן, האָט זיך מילער אָפּגערופן צו איר: "דו ביסט דאָס אומעטיקסטע מיידל וואָס איך האָב ווען עס איז געטראָפן". זי האָט צוערשט געטראַכט אַז דאָס איז אַ דורכפאַל; מענער, האָט זי אַ מאָל באַמערקט, ווילן נאָר גליקלעכע מיידלעך. אָבער דאָ האָט אַ שמייכל זיך באַוויזן אויף אירע ליפּן, אַנטדעקנדיק דעם קאָמפּלימענט אין זיין באַצייכענונג. זי האָט דאַן געזאָגט, "ביסט דער איינציקער וואָס האָט אַזעלכעס מיר געזאָגט".

ווען מען האָט באַשטעלט ביי בען העכט ער זאָל שרייבן וועגן איר אַ געשיכטע, האָט זי פאַר אים דערמאָנט, אַז מען האָט זי אַריינגעגעבן אין אַ יתומים־הויז. פאַקטיש, האָט

זי באַמערקט, איז זי קיין מאָל נישט געווען קיין יתומה, ווירקלעך נישט, האָבנדיק אַ מאַמען און אפשר אויך ערגעץ ווו אַ טאַטן: ווי אַ סך אַנדערע קינדער וואָס זענען קיין מאָל נישט געווען קיין יתומים, אָבער אַזוי האָט מען זיי באַצייכנט. מען האָט זי אַריינגעגעבן טאַקע אין אַ יתומים־הויז, ווען איר מאַמע איז געווען אינסטיטוציאָנאַליזירט און עס איז נישט געווען קיין אַנדער אָרט פאַר איר ווו צו זיין. ביסלעכווייז איז איר יתומותקייט דורך העכטן געוואָרן באַקרעפטיקט. פאַקטיש איז איר שאָק געווען דעמאָלט ווען זי האָט זיך דערנענטערט צו דעם הויז און זי האָט פאַרשטאַנען וואָס דאָס מיינט, און זיך צעשריגן: "אָבער איך בין נישט קיין יתומה!"

איין מאָל האָט זי מילערן דערציילט, אַז ווען זי איז אַלט געווען אַ 14 אָדער 15 יאָר, איז איר עלטערע "מומע" אַנאַ, אַ קריסטלעכע וויסנשאַפטלערין, וואָס איז געווען אינטעליגענט און גוט צו איר, געוואָרן קראַנק און געשטאָרבן; אַ געוויסע צייט איז אַנאַ געווען פאַר איר די גוטע השגחה און מערעלין האָט זיך פאַרלאָזט אויף איר ווי אויף אַ גוטן מלאך. הגם אַ געוויסע צייט האָט זי נישט געלעבט אונטער דער אויפזיכעט פון אַנאַ, איז אָבער דער אויפטרייסל פון איר טויט געווען שרעקלעך. "איך בין אַוועק און געלייגט זיך אין איר בעט דעם טאָג נאָך איר טויט... סתם געלעגן דאָרט עטלעכע שעה אויך אויף איר קישן. דאַן בין איך אַוועק צום בית־עולם און געטראָפן די מענטשן, וואָס האָבן געגראָבן פאַר איר אַ קבר און אַראָפּגעלאָזט דאָרט אַ לייטער". זי האָט זיי געפרעגט אויב זי קען אַראָפּגיין אין קבר און זיי האָבן געזאָגט, יאָ. זי איז אַראָפּ אונטן און פון דאָרט געקוקט אויפן הימל. דער באָדן איז געווען קאַלט און די אַרבעטער האָבן אָנגעהויבן איזדיעקעווען זיך איבער איר, אָבער זי האָט זיך צוריק אַרויפגעדראַפּעט אויבן און איז אַוועק.

מילער, איבערדערציילנדיק איר געשיכטע, באַמערקט, אַז זי האָט אויסגעזען נישט צו האָבן קיין מורא ווען זי האָט איינגעאָרדנט איר לעבן; זי האָט געפּרוווט צו באַשטימען פאַר זיך און אַרבעטן אַז די טעראָרן אין וועלכע זי איז געבוירן זאָלן אַוועק. מען האָט איר געהאַט פאָרגעלייגט זי זאָל שטודירן דעם טייל פון אַ נ נ אַ אין אַ' נ ע י ל ס "אַננאַ קריסטיע". זי האָט אַ געוויסן אָוונט געפּרוווט עטלעכע זייטלעך אויף אים. דאָס איז געווען דער ערשטער אָנדייט פון איר אינעווייניקסטן לעבן; זי האָט קוים געקענט עס לייענען פון אָנהייב, עס איז פאַר איר געווען מער תפילה ווי שוישפּיל. "איך קען נישט גלייבן אַז איך טו עס" — האָט זי אַ זאָג געטאָן לאַכנדיק. איר פאַרגאַנגנהייט האָט זי נישט פאַרלאָזט אַפילו ביי דער פּריוואַטער אַפירמאַציע פון איר ווערט, און די פאַרגאַנגענהייט איז געווען מערדערלעך, עפּעס ווי שולד האָט געשיינט צו דערדריקן איר שטים.

איך געדענק גוט דעם אָוונט, ווען אַ ידיעה אויפן ראַדיאָ האָט איבערגעגעבן וועגן דעם זעלבסטמאָרד פון דער פילם־אַקטריסע, מערעלין מאָנראָ. די פאַרשיידענע סברות וואָס זענען אַרויסגעבראַכט געוואָרן אין שייכות מיט איר טראַגישן טאָט. זי איז שוין דעמאָלט געווען אַ צייט סעפּערירט פון מילערן, אָבער כסדר נאָך געווען אין איר צערודערטן צושטאַנד און געזוכט ביי אים הילף.

אַרטור מילער שילדערט אין זיין אויטאָביאָגראַפיע פאַרשיידענע דעטאַלן פון מערעלין מאָנראָ סיי אין אַמעריקע און סיי ווען זי איז מיט אים געפלויגן קיין ענגלאַנד צו מאַכן צוזאַמען אַ פילם מיט לאָרענץ אָליוויער. ער דערציילט פון אַ

פרעסע־קאָנפערענץ ווי עס זענען געקומען אַ פיר הונדערט זשורנאַליסטן. יעדער פון זיי איז געווען פאַרווונדערט, וואָס מערעלין איז געווען צווישן זיי, אַ געטין וואָס האָט זיך אויפגעהויבן פון זייער קאַלטן ים. די קעניגין מיטן פאַרלאַמענט האָבן טאַקע אָנגעפירט מיטן לאַנד, אָבער זי האָט אָנגעפירט מיט זיין האַרץ.

בעת אירס אַ באַזוך ביי "מאַרקס און ספענסער", אַ פּאָר וואָכן נאָכן אָנקומען אין לאַנד, איז דאָס גרויסע געשעפט פון דער פירמע געוואָרן אויסגעליידיקט פון קונים און צוגעמאַכט צוליב מורא פאַר אַן אומקאָנטראָלירטן שטראָם מענטשן, וואָס ווען פרווון, זי צו זען. ער דערציילט פון סקאָטלאַנד יאַרד, וואָס האָט זיי באַגלייט צום לופט־פּאָרט, זאָגנדיק אַז עס זענען דאָ אַלע מינים צעדרייטע מענטשן אין ענגלאַנד און זי דאַרף נישט אין קיין שום באַדינגונגען קאָנפראָנטירן אַ המון אָן אַ זיכערקייט אַרום זיך.

נישט שייך זיך אָפּצושטעלן אויף די אַלע שטריכן פון זיין פעדער אַרום מאָנראָען, פונקט ווי איך גיי זיך נישט אָפּשטעלן אויף מילערס באַשרייבונג ווי אַזוי די אויספאָרשונג פון דער "אומאַמעריקאַנער קאָמיטי" האָט אים "געמאָלקן" וועגן זיינע אונטערשריפטן אויף אַ לעגיאָן פאַפירן אין שייכות מיט זיינע לינקע סימפּאַטיעס אין די 30ער און 40ער יאָרן.

כאַראַקטעריסטיש איז פאַר מיר געווען צו לייענען זיינע פיינע ענטפערס וואָס שייך די טראַנסמיסיעס אויפן פאַשיסטישן ראַדיאָ בעתן קריג פון דעם באַרימטן פּאָעט ע ז ר א פ א ו נ ד. מילער האָט אויף זיין גוטן ראַדיאָ־אַפּאַראַט געהערט פאַונדס געפערלעכע גיפטיקע אַנטיסעמיטישע רעדעס וועגן יידן. עס איז געווען אַ "שאָק" פאַר מילערן, ווען אַ סאָפיסטיצירטער אויספאָרשער, אַרענס, האָט אים געשטעלט די קשיה, ווי אַזוי קען ער אָפּנעמען דאָס פרייע וואָרט דעם פּאָעט, בעת ער נעמט עס נישט צו ביי די קאָמוניסטן? און מילער האָט אים געענטפערט, ווי אַזוי ער האָט אויפגעכאַפּט עזרא פאַונדס אַ רעדע אין וועלכער ער האָט געזאָגט וועגן דער נויטיקייט אויסצוהרגענען אַלע יידן. דורך דעם וועט אייראָפּע לייזן אירע אַלע פּראָמלעמען; מחמת עס איז געווען בלויז די אַרבעט פון די יידן אַרויסצורופן דעם וועלטקריג. זיי (די יידן) האָבן געשווירן צו נעמען נקמה אין די גוים בעת זיי פירן אָן מיט זייער פאַרשווערונג איבערצונעמען די גאַנצע וועלט. און ער האָט געדאַנקט היטלערן וואָס האָט געהאַט די אינטעליגענץ פּטור צו ווערן פון זיי.

"ווען אַרענס האָט געקוקט אויף מיר, שרייבט מילער, האָב איך געזען דאָס פנים וואָס איך האָב באַקעמפט מיין גאַנץ לעבן און דאָס בלוט איז מיר געקומען אין קאָפּ. איך האָב עס באַדויערט און געפרווט קאָנטראָלירן מיין צאָרן, אָבער ער האָט עס באַמערקט און מסתמא איינגעזען, אַז ער האָט דאָ איבערגעכאַפּט די מאָס, מחמת איך בין דאָך געווען איינער פון די יידן...

מערעלין איז ספּעציעל געקומען צו געבן אים מאָראַלישע שטיצע בעת די לעצטע טעג פון זיין פאַרהער. און ער זאָגט: עס איז קיין מאָל נישט געווען לייכט מיר צו טיילן זיך מיט צרות – מיט אַ פרוי. פונקט אַזוי איז עס געווען מיט מיין פאָטער, וואָס האָט די שלעכטע נייעס געהאַלטן פאַר זיך אַליין. דער סטאָיציזם האָט מיר אויסגעזען ווי אַ שטאַרקייט. איך האָב אָפּגעהיט אַ ווונד – עס פאַרקערעוועט אינזיך.

מילער שטעלט זיך אָפּ אויף פאַרשיידענע זייטלעך וועגן די מעקאַרטי־יאָרן אין אַמעריקע. ער האָט דראַמאַטיזירט אין זיינס אַ געשיכטלעכער פּיעסע דעם

מכשפות־געיעג, וואָס איז אָנגעגאַנגען אין לאַנד מיט יאָרהונדערטער פריער. ער באַשרייבט ווי אַזוי עס איז צוגעגאַנגען ביי אים מיט אויספאָרשן יענע עפּאָכע און עס פאַרהיינטצייטיקן. ער טוט עס אייגנטלעך מיט אַלע זיינע פּיעסן – זייער צאָל איז אַ גרויסע – ווי אַזוי זיי זענען צושטאַנדגעקומען דראַמאַטורגיש.

מילער דערציילט ווי מען האָט אים אַרויסגערופן אין אויסערן־מיניסטעריום אין ענגלאַנד צו דערמאָנען אים, אַז זיין זעקס־חדשימדיקער פּאַספּאָרט ווערט בקרוב פאַרענדיקט און קען נישט ווערן פאַרלאַנגירט. דער ענין איז: צי האָט ער בדעה צוריקצופאָרן קיין אַמעריקע? מיט אַנדערע ווערטער: צי גייט ער נישט נאָכפּאָלגן דעם ביישפּיל פון טשאַרלי טשאַפּלין, לערי אַדלער און אַ לאַנגע ריי אַנדערע קינסטלער, וואָס זענען דאָ געבליבן וווינען אין די לעצטע פינף יאָר פון א״ג קאַלטן קריג?... אין וואַשינגטאָן, האָט ער געטראַכט, האָט מען מסתמא נישט געקענט שלאָפן גאַנצע נעכט טאָמער וויל מערעלין מיט מילערן זיך איינקוואַרטירן אין ענגלאַנד, ווי עס האָבן געטאָן אַנדערע בעת דער מעקאַרטישער אינקוויזיציע. סורעאַליזם איז געווען נאַטוראַליזם אין 1956. ער האָט געקוקט אויף דעם פילאָזאָפיש. פונקט אַזוי ווי ער האָט זיך באַמיט צו זען זייער צוזאַמען לעבן, וואָס איז בדרך כלל אין אַלע פאַלן אַ מין קאָנספּיראַציע צו פאַרלייקענען דאָס פינצטערע און אָקצעפּטירן דאָס ליכטיקע.

מילער האָט אין זיין אויטאָביאָגראַפיש בוך אַ קאַפּיטל, וווּ ער דערציילט פון אַ באַזוך אין מאַוטהאַוזען קאָנצענטראַציע־לאַגער. געווען איז עס אין לינץ, היטלערס עסטרייכשע געבורטשטאָט, ער איז דאָרט געווען אויף אַ באַזוך צוזאַמען מיט זיין פרוי אינגע מאָראַטה. מיט איר האָט מילער געהאַט אַ צופרידן צוזאַמענלעבן במשך 25 יאָר, וואָס זענען לויט אים געווען די בעסטע פון זיין לעבן. אינגע האָט געשטאַמט פון קאַטוילישן עסטרייך. אירע עלטערן האָבן פאַר זייער חתונה אָנגענומען די פּראָטעסטאַנטישע רעליגיע כדי צו קענען זיך גטן לעגאַל אויב עס וועט אַנטשטיין אַזאַ סיטואַציע. אינגע האָט געהאַלטן, אַז אַ הייראַט דאַרף אָנהאַלטן אַזוי לאַנג ווי עס קען. האָבן זיי חתונה געהאַט אין אַ צושטאַנד פון גייסטיקער באַשיידנקייט, מיט פעסטע אָבער מינימאַלע דערוואַרטונגען פון זייערע פאַרויסזאָגונגען. עס איז אַלץ געווען פערמאַנענט־צייטווייליק און אַזוי האָט עס כסדר אָנגעהאַלטן.

אינגע האָט געליטן אַ סך אונטער דער נאַצישער אָקופּאַציע, אָבער זי האָט איבערגעלעבט. איר געדאַנק איז געווען צו מאַכן שלום מיט איר עבר. דער וועכטער פון מאַוטהאַוזען־לאַגער האָט זיי דערציילט וועגן די טויזנטער וואָס זענען אין דעם לאַגער דערמאָרדעט געוואָרן. אינגע האָט וויניק גערעדט בעת זייער באַזוך אין לאַגער. טרערן האָבן באַנעצט אירע אויגן. ס'איז פאַר איר געווען כאַראַקטעריסטיש די גלייכגילטיקייט וואָס זי האָט איצט געזען אַרום זיך אויף דעם אָרט, וואָס האָט פאַרניכטעט איר יוגנט און זיך געלייגט אויף איר לעבן.

מילער שילדערט זיינס אַ באַזוך אין פראַנקפורטער געריכט, ווו עס איז פאָרגעקומען אַ פּראָצעס פון עטלעכע צענדליק געוועזענע לאַגער־וועכטער אין אוישוויץ. היות די באַשרייבונגען פון די פּראָצעסן זענען גוט באַקאַנט, האַלט איך נישט פאַר נויטיק זיך אָפּצושטעלן אויף דעם ענין. איך וועל בעסער איבערגיין צו די באַשרייבונגען אין בוך וועגן מערעלינס טויט דורך אַן איבערדאָזע פון אירע אַראָפּגעשלונגענע שלאָף־פּילן.

ביים לייענען די ידיעה אין צייטונג, באַמערקט מילער: "עס זענען פאַראַן מענטשן

וואָס זענען אַזוי אָנגעזען ביים לעבן, פול מיט וויטאַליטעט, אַז אַפילו ווען זיי פאַרשווינדן דורך פלוצעמדיקן טויט, בלייבן זיי ווייטער לעבעדיק אין די אויגן פון אַרום. זיי פאַרשווינדן נישט אויך, ווען זיי שטאַרבן פיזיש אָפּ".

דאָס איז געשען ביי מילערן. לאַנגע וואָכן נאָך איר טויט האָט ער זיך געדאַרפט אויפצווינגען זיך צו רעכענען מיטן פאַקט, אַז מערעלין איז געענדיקט. ער האָט איינגעזען, אַז נאָך אַלעמען דערוואַרט ער נישט זיך צו טרעפן מיט איר, זיך דורכרעדן וועגן די אַלע נאַרישקייטן, וואָס האָבן זיי צעשיידט און פאַרפרעמדט – דאָך קען ער זיך נאָך אַלץ מיט איר טרעפן, ערגעץ ווו, און צוריק זיך פאַרליבן. די אייזערנע לאָגיק פון איר טויט האָט קיין סך נישט געהאָלפן; עס איז כסדר געשטאַנען פאַר זיינע אויגן עפּעס פון איר ווערן און פון איר באַוועגן זיך. ווען אַ רעפּאָרטער איז געקומען צו אים פרעגן צי ער וועט זיין אויף דער לוויה אין קאַליפאָרניע, איז דער געדאַנק גופא פון אַ לוויה געווען אַזוי אויסטערליש, אַז עס האָט אַרויסגערופן ביי אים אַ מאָדנעם ענטפער: "זי וועט דאָרט נישט זיין". ער האָט געזען דעם רעפּאָרטערס פאַרווונדערונג און ווי עס זאָל נישט זיין האָט ער געוווסט אַז עס וועט זיין אַ צירק פון פאָטאָגראַפיסטן און געשרייען, וואָס איז איבער זיינע כוחות.

ער האָט געהאַלטן אַז ער האָט געטאָן אַלץ וואָס איז געווען צו טאָן און עס האָט נישט קיין זין צו שטיין פאַר די פאָטאָגראַפיסטן. אין זיינע אויערן האָבן אָפּגעקלונגען די ווערטער וואָס ער האָט איר אַ מאָל געזאָגט: "ביסט דאָס אומעטיקסטע מיידל וואָס איך האָב אין מיין לעבן געזען" און איר ענטפער: "קיינער האָט דאָס קיין מאָל צו מיר נישט געזאָגט". עס איז געווען מאָדנע, וואָס זי האָט קיין מאָל נישט געהאַט דאָס רעכט צו איר אייגענעם אומעט. נאַטירלעך איז די פרעסע איצט געווען כּאָראַל אינעם באַקלאָגן דעם פריצייטיקן טויט. די זעלבע פרעסע, שרייבט מילער, וואָס האָט זי צו־נישט געמאַכט ביים לעבן, וועמענס ליבע און קריטיק, אויב נישט פאַראַכטונג פאַר איר, ווי אַן אַקטריסע, זי האָט גענומען אַזוי ערנסט. צו קענען עס איבערלעבן, האָט זי געדאַרפט טאָן איינס פון דיביידע: ווערן מער ציניש אָדער זיין אַפילו ווייטער פון רעאַליטעט ווי זי איז געווען. אָנשטאָט דעם איז זי געווען אַ פאָעט אין אַ גאַס־עק פּרוּווּנדיק צו רעציטירן פאַר אַ המון, וואָס האָט פון איר געריסן די קליידער.

גלייך נאָך מערעלינס טויט איז אויך דורכגעפאַלן מילערס דראַמע "נאָך דעם פאַלן". די רעצענזיעס – מיט אַ פאָר אויסנאַמען – זענען געווען וועגן אַ סקאַנדאַל און נישט וועגן קיין דראַמע. קוקנדיק צוריק אויף אַלע זיינע דראַמאַטישע ווערק, זעט ער אַז אַ חוץ "דער טויט פון אַ סיילסמאַן" זענען אַלע זיינע פּיעסן באַגעגנט געוואָרן ס׳רוב פיינטלעך, גלייכגילטיק, אָדער מיט צוגעשפּיצטע באַמערקונגען. מילער רופט אָן אַ פאָר נעמען וועלכע האָבן געשריבן ערנסטע רעצענזיעס וועגן זיין שאַפן, אָבער בדרך כלל האָט ער עקזיסטירט ווי אַ דראַמאַטורג אָן אַ מאַיאָרן רעצענזענט אַרום זיך. נאָר די אַקטיאָרן און דירעקטאָרן האָבן אַרויסגעבראַכט זיינע ווערק פאַרן עולם. און נאָר אין אויסלאַנד און ערגעץ מחוץ ניו־יאָרק, האָט מען ווי געהעריק אָפּגעשאַצט זיינע דראַמאַטורגישע שאַפונגען. די אַטאַקעס קעגן מילערס "נאָך דעם פאַלן" זענען אים געווען שווער צו פאַרטראָגן. פון דעסטוועגן האָט ער געשריבן ווייטערדיקע דראַמעס און איינע פון זיי איז געווען "אינצידענטן אין ווישי".

דער שורש פון דער פּיעסע איז געקומען פון מילערס פריינד און געוועזענעם

פסיכאָנאַליטיקער ד״ר רודאָלף לאָוועגשטיין, וואָס איז געווען אויסבאַהאַלטן אין ווישי, פראַנקרייך, בעתן קריג, איידער די נאַציס האָבן אָקופּירט דאָס גאַנצע לאַנד.

די געשיכטע איז: אַ יידישער אַנאַליטיקער האָט אַ כאַפּ געטאָן פאַלשע פּאַפּירן און געראַטעוועט אַ מענטש וועלכן ער האָט קיין מאָל נישט געזען פאַר די אויגן. דער אומבאַקאַנטער מענטש, אַ קריסט, האָט זיך צוגעשטעלט אין דער ריי פון פאַרדעכטיקע צו וואַרטן מען זאָל זייערע פּאַפּירן און מילה אינספּעקטירן, בעת אַ גע׳יעג נאָך יידן, וואָס האָבן פאָזירט אַלס פראַנצויזן. דאָס איז געווען איין שורש פון דער דראַמע.

אַ צווייטער איז געווען ביי אינגעס אַן אַלטן פריינד, פּרינץ יאָזעף פאָן שוואַרצנבערג, אַן עלטערער לעבנגעבליבענער גליד פון אַ גאַר אַלטן עסטרייכישן אַדלשטאַם, וואָס האָט זיך ״אָפּגעזאָגט״ מיטצואַרבעטן מיט די נאַציס און צוליב דעם גאַר שטאַרק געליטן בעתן קריג. ער איז געווען דער מקור פאַר פאָן בערג, דער פּרינץ אין מילערס פּיעסע, וואָס קומט אַריין צו פאַרנעמען דאָס אָרט פון דעם פאַראורטיילטן אַנאַליטיקער.

צווישן די קוריאָזן וואָס מילער ברענגט אין זיין אויטאָביאָגראַפיע איז דער זאָג פון זיין געוועזענעם פריינד, סיד פראַנקס, באשר ער לייענט נישט קיין בעלעטריסטיק מחמת ער פרעגט זיך אַליין, ווי אַזוי קען דער שרייבער וויסן וואָס זיינע כאַראַקטערן גייען טאָן? יעדער קען דאָך טאָן אַלץ אין דער וועלט. ״איך מיין טאַקע, זאָגט ער, וועגן יעדן א י י נ ע ם און וועגן י ע ד ע ר ז אַ ך״.

כאַראַקטעריסטיש: ער דערציילט אַז ערשט אין קאָלעדזש האָט ער אַנטדעקט די ביבל, אָבער ווי אַ קאָלעקציע פון אַ פאַסצינירנדיקער ליטעראַטור פון פאַרשיידענע מחברים. ער האָט אויף די מאַרגינעס די פאַרצייכנט פאַרשיידענע שאלות. ביסלעכווייז האָט ער אָנגעהויבן באַטראַכטן פאַר אומוויכטיק וואָס מענטשן זענען געווען די מחברים פון דער ביבל. דאָס וואָס איז געבליבן איז געווען היפּנאָטיש. במשך פון יאָרן איז אַוועק די שאלה צי גאָט ע ק ז י ס ט י ר ט; נאָר געבליבן איז די מיסטעריע — פאַר וואָס האָבן מענטשן, דור נאָך דור, געפּרעסט צו דערפינדן אים צוריק? זיין ענטפער איז, אַז מענטשן האָבן געזוכט אַ וועזן צו וועלכן זיי זאָלן קענען אויסגיסן זייערע בענקשאַפטן נאָך קדושה, נאָך טראַנסצענדענטאַלער דערהויבונג. די מעדיטאַציעס וועגן גאָט און מענטש זענען אַריין אין דער ״קרעאַציע פון דער וועלט און אַנדערע ענינים״.

מילער קומט צו ביים סוף פון זיין אויטאָביאָגראַפיע צום קאַפּיטל גאָרבאַטשאָוו אין 1986. ער איז דעמאָלט געווען צוזאַמען מיט אַ 15 אַנדערע שרייבערס און וויסנשאַפטלערס פון אַ ריי קאָנטינענטן, אין ביוראָ פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין ראַטן־פאַרבאַנד קוקנדיק אין די איראָנישע אויגן פון גאָרבאַטשאָוון, ווען ער האָט געשאָקלט מילערס האַנט און געזאָגט: ״איך קען דיינע אַלע פּיעסן״. מילער האָט זיך אָפּגערופן, ״נישט אַלע״ מחמת עס איז געווען נאָך 18 יאָר זינט מילער איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויף דער ״שוואַרצער ליסטע״ אויף די סאָוועטישע בינעס, צוליב איין זאַך: ״א י ן ר וס ל אַ נ ד״, דאָס ערשטע פון דריי ביכער, וואָס ער האָט צוזאַמען מיט זיין פרוי אינגע געשאַפן (אירע פאָטאָס, זיין טעקסט). פון איין בילד פון יעקאַטערינאַ פורצעוואַ, דעמאָלט מיניסטער פון קולטור, האָט יענע זיך געפילט באַליידיקט פון די טיפע שטריכן פון אויסגעשעפּטקייט אויף איר פּנים, וואָס האָבן נישט געקענט פאַרדעקט ווערן (זי האָט געהאַט אַ שווער לעבן, אַרויסגעשטויסן פון דער אָנפירונג מיט יאָרן צוריק, אונטער דעם פאַרדאַכט, אַז זי איז

געווען כרושטשעווס אַ מענטש. זי האָט דאַן אויפגעשנײַטן זיך די אָדערן פון איר אָרעם). מילער באַטאָנט עס ווי אַ מאָטיוו, אָבער ער גיט צו אַ צווייטן מאָטיוו: אַז זײַענדיק אין דער זעלבער צײַט פרעזידענט פון "אינטערנאַציאָנאַלן פען קלוב", האָט ער אַרויסגערופן אומצופרידנקייט ביי די סאָוועטן צוליב זײַנע פּראָטעסטן קעגן דער באַהאַנדלונג פון שרײַבערס און נאַטירלעך אויך דעם אַנטיסעמיטיזם. זייער רעאַקציע איז געווען דאָס אָפּשטעלן גאַלינאַ וואָלטשעקס אויפפירונג פון "אינצידענטן אין ווישי". מילער איז זיכער, אַז ס׳איז נישט געווען קיין צופאַל, ווייל די פּיעסע באַהאַנדלט די נאַציסטישע אויסראָטונג פון יידן בעתן קריג. אויך איז איינער פון די כאַראַקטערן אַ קאָמוניסט מיט ספיקות וועגן דער ראַציאָנאַליטעט פון מאַרקסיזם. און מילער שרייבט: "איך בין געפאָרן אַ לאַנגן און פאַרדרייטן וועג צו דעם מאָמענט פון דעם הויכפּונקט פון דער סאָוועטישער מאַכט, און די ענדערונגען אין דער ריכטונג האָבן מיך געלאָזן נישט אַזוי אין אַנטוישונג ווי אין שמייכל. עס איז צייטנווייז פיינלעך! פאַר דער פּאָליטישער וועלט, בין איך געקומען צום אויספיר, איז אַלץ פונדאַמענטאַל, מחוץ עמעצנס קאָנטראָל, דאָך גייען מיר אָן ווי עס וואָלט געווען אַ וואָגן וואָס דאַרף נאָר האָבן אַן אַנדערן "דרייַוער", וואָס זאָל ווי געהעריק פאַרקערעווען דעם וואָגן...

מיט אַ יאָר פריער, איז מילער, אומווילנדיק, געווען אויף אַ צוזאַמענטרעף פון אַמעריקאַנער און סאָוועטישע שרייבערס אין ווילנע (ליטע). האַריסאָן סאַליסבערי איז געווען אַ קאָ-מיטפירער פון דער דעלעגאַציע, וואָס האָט אַ סך געוווסט וועגן ר״פ. דערציילט ער וואָס עס האָט זיך אַלץ אָפּגעטאָן אויף דער קאָנפערענץ, וואָס פאַר אַ חטאים מען האָט אַלץ פאַרגעוואָרפן אַמעריקע: (נעגער-פּראָבלעם, פאַרנאַגאַפיע, אינדיאַנער פּראָבלעם) –און ער זאָגט: מיר זענען געפאָרן צו ווייט צו האָבן אַזאַ ספּעקטאַקל. ער האָט אַרויסגענומען פון פ ע ן אַ דאָקומענט וועגן דער פאַרפאָלגונג פון דער פּאָעטעסע אירינאַ ראַטושינסקאַיאַ, זי איז קראַנק געווען אין דער צייט און געזעסן אין טורמע צוליב די פּאָעמעס וואָס זי האָט געשריבן, וועלכע ער האָט פאָרגעלייענט.

די סאָוועטישע דעלעגאַציע האָט זיך אָנגעצונדן: "אַרייַנמישן זיך אין זייערע אינערלעכע עניינים!". בלויז איינער, טשינגיז אַאיטמאַטאָוו, פון קירגיזיע, האָט זיך רואיק באַצויגן, און אויסער גאָרבאַטשאָוון, איז ער געווען דער צענטער פון צוזאַמענטרעף.

מילער דערמאָנט אויך זיינע דערפאַרונגען פון 1967, ווען ער איז געזעסן אין אַ מאָסקווער האָטעל-צימער צו אונטערהאַנדלען וועגן דעם אַרייַנטריט פון סאָוועטישע שרייבערס אין פ ע ן - א י נ ט ע ר נ אַ צ י אָ נ אַ ל. עס האָט זיך אָנגעהויבן אין 1965, ווען מען האָט אים פאָרגעלייגט אָנצונעמען די פּרעזידענטשאַפט פון פ ע ן. מילער האָט נישט געוווסט "מיט וואָס מען עסט עס" און קאַרוועד, וואָס איז געהאַט געווען גענעראַל-סעקרעטאַר פון פ ע ן, האָט אים דערציילט, אַז די אָרגאַניזאַציע איז געשאַפן געוואָרן נאָכן ערשטן וועלט-קריג דורך אַזעלכע גרויסע שרייבערס, ווי דזשאָן גאַלסוואָרטהי, בערנאַרד שאָו, ג.ק. טשעסטערטאָן און פיל אַנדערע, וואָס האָבן געטראַכט אַז אַן אינטערנאַציאָנאַלע שרייבער-אָרגאַניזאַציע וועט קענען פאַרהיטן אַ נייעם קריג. עס האָט נישט פאַרהיט פון דעם צווייטן וועלט-קריג, אָבער אין די 30ער יאָרן האָט פ ע ן דאָך געצויגן דעם אויפמערק צו דער סכנה פון נאַציזם און גורם

געווען דאָס פֿאַרטרייבן די דייטשע דעלעגאַטן, וואָס האָבן נישט געוואָלט פֿאַראורטיילן היטלערס טעראָר קעגן די שרייבערס. מילער שטעלט זיך אַ סך אָפּ וועגן פּ ע ן,ביים סוף פֿון זיין בוך. זיין קאַנדידאַטור אַלס פּרעזידענט פֿון דער אָרגאַניזאַציע האָט, ווערדליך אים, געקענט זיין אַ בריק צווישן מערב און מזרח.

אינטערעסאַנט איז וואָס ער דערציילט וועגן זיין פֿרוי אינגע און איר ברילאַנטישקייט אין שפּראַכן. זי האָט גערעדט ענגליש, פֿראַנצויזיש, שפּאַניש און איטאַליעניש זייער פֿליסיק. נאָכן זיין אַ צוויי וואָכן אין גריכנלאַנד האָט זי שוין גערעדט די שפּראַך, וואָס זי האָט פֿריער קיין מאָל נישט געלערנט.

ביים סוף 40ער יאָרן, ווען זי האָט אינטערוויואירט קאָנראַדט אַדענאַויער, איז ער צוגעשטאַנען צו איר זי זאָל ווערן זיין הויפּט־סעקרעטאַרין.

אַגב באַמערקט ער, אַז זכרון וויקלט זיך אַרום ווי געאָלאָגישע שיכטן פֿון אַ פֿעלז. דער טיפֿערער שיכט באַווייזט זיך אויבן, איידער ער גייט אַראָפּ צו די נידעריקע שיכטן אין דער טיפֿעניש. וואָס שייך זיין דראַמאַטורגישע טעכניק, גייט דורך ווי אַ רויטער פֿאָדעם די טעמע צי אַמעריקע, ווי אַלע ציוויליזאַציעס, האָט אַ זייגער לויפֿן ביז עס קומט די צייט פֿון אָפּגעשוואַכטקייט און טויט.

מילער רעדט אַ סך אַרום די אויפֿפֿירונגען פֿון זיינע דראַמעס אין פֿאַרשיידענע לענדער און קאָנטינענטן. ער פֿלעגט מיט זיין פֿרוי אינגע כסדר זיין דאָרט וווּ מען פֿירט אויף זיינע פּיעסן. אין חשבון גייט אויך אַריין כינע און ער שטעלט זיך אָפּ באַזונדער אויף די דאָזיקע אויפֿפֿירונגען. ער האָט נאַטירלעך זיינע טענות צו דעם אופֿן ווי געוויסע דראַמעס זענען געשפּילט געוואָרן דאָ און דאָרט, אָבער מיר לאָזן עס דורך אָן באַמערקונגען, מחמת עס וואָלט אונדז צו ווייט פֿאַרפֿירט. אַגב איז ער ביי אַ ריי פּיעסן אַליין אויך געווען דער רעזשיסאָר און ער דערמאָנט עס אין זיין בוך, ווי אַן אופֿן פֿון זיינע אינטערפּרעטירונגען. אָט טוט ער ערגעץ אַ זאָג: טיף, טיף אין זיין האַרץ, איז גאָט אַ קאָמיקער וואָס האָט ליב צו מאַכן אונדז לאַכן... בליאַסק, זאָגט ער, איז דער יוגנטס פֿאָרם פֿון בלינדקייט, וואָס לאָזט אַדורך ליכט... ווי אַ מין רעגנבויגן, איז עס אַן איינמאָליקע אויפֿהייבנדיקע ווייזע, וואָס רוקט זיך אָפּ, וואָס נענטער מען קומט צו צו איר.

מילער דערמאָנט אַז זיין פֿאָטער וואָס איז געשטאָרבן צו 84 יאָר, איז די לעצטע יאָרן זיינע געווען אין אַ "נוירסינג האָום", וואָס האָט אַרויסגעקוקט צום ים אין ל אָ נ ג א י י ל ע נ ד. אין זיינע 80 יאָר, האָט ער קיין מאָל נישט געהאַט קיין צייט צו כאַפּן אַ קוק אויפֿן ים. ער האָט באַשעפֿטיקט הונדערטער אַרבעטער און געמאַכט צענדליקער טויזנטער מאַנטלען, וועלכע ער האָט געשיקט איבער די שטעט פֿון אַלע אַמעריקאַנער שטאַטן. ערשט ביי זיין סאַמע סוף, האָט ער געקענט אַרויסקוקן אויפֿן ים מיט דעם גליקלעכן סורפּריז, אַז די וועלט איז קיילעכדיק. ער איז געשטאָרבן אין זעלבן טאָג ווען אַרטור מילער האָט געדאַרפֿט מאַכן זיין דערעפֿנונגס־רעדע אין 1966 ביים ניו־יאָרקער פּ ע ן ־ ק אָ נ ג ר ע ס.

זיין מאַמע איז געשטאָרבן מיט פֿינף יאָר פֿריער. ער שילדערט איר לוויה און דעם הספּד פֿון ראַביי. אַרטור האָט געטראַכט וועגן איר אַלס יונגע פֿרוי — אַ לעבן פֿון דערוואַרטונגען און שטאָלץ פֿון אירע קינדער, אָבער נישט פֿון זיך. ער באַדויערט וואָס ער האָט נישט באַוויזן אַרויסצווייזן איר די געפֿילן וואָס ער האָט געהאַט פֿאַר איר.

איר טויט איז געקומען צו שנעל. נישט געקוקט אויף זיין טאַטנס טויט, האָט ער אין יענעם טאָג דעצידירט צו האַלטן זיין רעדע אויף דעם פּען־קאָנגרעס. אגב באַמערקט ער, אַז דער נאָוועליסט וואַלערי טאַרסיס, וואָס איז דאַן נישט לאַנג צוריק אַרויסגעלאָזט געוואָרן פון רוסלאַנד, ווערנדיק דאָרט געפּייניקט פּסיכאָלאָגיש אין אַן אינסטיטוציע, האָט געפאָדערט אַראָפּצוואַרפן אַן אַטאָם־באָמבע אויפן ר״פ. ער איז געטאַדלט געוואָרן פון אַלע דעלעגאַטן מיטן פּאָרזיצער (מילער) בראש.

ער באַמערקט אַגב, ווי אַזוי די לאַטיין־אַמעריקאַנער שרייבערס האָבן זיך געהאַלטן זייער נאָענט אין גרופּקעס אַרום די קאָרידאָרן און געשעפּטשעט אין שפּאַניש צווישן זיך. די טעמע פון דעם קאָנגרעס איז געווען ״דער שרייבער ווי אַן אומאָפּהענגיקער גייסט״. כאַראַקטעריסטיש איז מילערס באַמערקונג וועגן נערודאַ – דער גרויסער בוים פון דער לאַטיין־אַמעריקאַנער פּאָעזיע, וואָס האָט זיך נאָך אַלץ שטאַרק געהאַלטן ביים סטאַליניזם. עס איז געווען פאַר אים אַ מין רעליגיעזע לאָיאַליטעט צו זיין טרוים פון רוסלאַנד אין די 30ער יאָרן. מילער דערציילט פון זיינע אינטערווענצן לטובת אַ ריי שרייבער, וועלכע זענען פאַרפאָלגט געוואָרן אין די דיקטאַטאָרישע לענדער. ער באַטאָנט דעם פּרעסטיזש, וואָס זיין נאָמען האָט דאַן געהאַט אַלס באַרימטער דראַמאַטורג און דעריבער געקענט פּועלן מיט זיינע אינטערווענצן. ער דערציילט פון די ביימער, וואָס ער האָט פאַרפלאַנצט און זענען מיט 25 יאָר שפּעטער אויסגעוואַקסן צו 60 פוסיקער הויך. זיין טאָכטער, רעבעקאַ – אַ מאָלערין און אַן אַקטריסע; איר ברודער ראָבערט, אַרבעט ביי פילמען אין קאַליפאָרניע, איר שוועסטער, דזשעין, די פרוי פון אַ סקולפּטאָר, און ער האָט אייניקלעך – אַ גליקלעכע משפחה פון עטלעכע דורות.

י. קאַראַ / יאַס, רומעניע

# טראַגן, האָבן און פּרוּיִקע קינדער־יאָרן [1]

פּראָפּ. דר. מרדכי שעכטער, דער אָנפירער פון דער יידיש־קאַטעדרע אין דער ניו־יאָרקער קאָלאָמביאַ אוניווערסיטעט, איז איינער פון די אָנגעזעענסטע יידיש (און כלל) לינגוויסטן פון אונדזער יאָרהונדערט.

געבוירן 1926 אין אַ טשערנאָוויצער יידיש־יידישער פאַמיליע, ווו אַ יידיש בוך און אַ יידיש בלאַט זענען געווען אַזוי חשוב ווי דאָס טאָגטעגלעכע ברויט, ווו יידישער שטייגער איז געווען די לופט פונעם לעבן, איז ער, אַדאַנק התמדה, ליבשאַפט, און וויסנשאַפטלעכן גייסט, דערגאַנגען צו דער מדרגה פון אַ גרויסן קענער, ליהאָבער און אויפבויער פון דעם היינטצייטיקן "לייטישן מאַמע־לשון", צו אַ וואָרטזאָגער, אַ פוסק אחרון, אין יידיש לשון. און גלייכצייטיק אַ טוער אין אַלגעמיינער לינגוויסטיק.

נישט געקוקט אויף די שווערע איבערלעבענישן בעת דער שואה איז אים געלונגען אין יאָר 1951 צו באַקומען אין ווינער אוניווערסיטעט דעם טיטל דאָקטאָר־פילאָלאָגיע מיט אַן אַרבעט וועגן דעם יידישן ווערב. פון יעדער שורה שטראַלט אַרויס זיין איינגעלעבטקייט אין אַ זאַפטיק מיזרח־אייראָפּעישן יידיש, אין דער טשערנאָוויצער קולטור־סביבה.

1961 און שפּעטער דרוקט ער אַרבעטן וועגן יידישער אָרטאָגראַפיע. אין יאָר 1964 שטעלט ער זיך אַרויס ווי אַ גאָר געראָטענער וויסנשאַפטלעכער עדיטאָר צוליב די צוויי בענדער ווערק פון אליקום צונזער, אַ מוסטערדיקע אַקאַדעמישע אַרבעט. צוביסלעך שיילט זיך אַרויס מ. שעכטערס הויפּט־אינטערעסירטקייט אין אַ לייטיש מאַמע־לשון, אַ מאָדערן, היינטצייטיק לשון, געבויט אויף די אמתדיקסטע אייגענע טראַדיציעס, אויף דער שעפערישקייט פון פאָלק. ער פירט אַ זייער לעבעדיקע לערער־אַרבעט, וואָס ווענט שאַפן פעדאַגאָגן פאַר יידיש־לימוד און... לערנביכלעך.

עס שטעלט זיך אַרויס, אַז אויב מע וויל זיך אינטעגראַל אויסלעבן אויף יידיש, מוז מען האָבן ווערטער פאַר אַלע ווינקלען פונעם לעבן. אַזוי־אַרום ווערט טערמינאָלאָגיע אַן עיקר־פּראָבלעם פון אַקטיוון היינטצייטיקן יידיש. זוכענישן, גריבלענישן אין אַלערליי לעבעדיקע מקורות, אין געדרוקטע מאַטעריאַלן, אין כתב־ידן, אויספרעגן, איבערשרייבן זיך מיט יידיש־רעדערס דערפירן צו אַן ערשטער אַרבעט, אַ רשימה גאַסטראָנאָמישע טערמינען, וואָס ער דרוקט אונטערן אַפּעטיטלעכן טיטל: "מיט אַ גוטן אַפּעטיט". סע גליסט זיך ווערן אַ פרעסער, ווען מע לייענט עס.

איינע פון די עיקר אינטערעסן פון מ. שעכטערס וויסנשאַפטלעכער אַרבעט איז אַ "לייטיש מאַמע־לשון". יאָרן לאַנג האָט ער אין צייטשריפטן, דער עיקר אין "אויפן שוועל", דער דריי חודשניק פון דער "יידיש־ליגע" אָפּגעדרוקט אָנפרעגן, ענפּפערס,

---

1) אַן ענגליש־יידיש ווערטערביכל פון מרדכי שעכטער מיט רעדאַקציאָנעלער מיטהילף פון חנה־פייגל אייבראַהאַם און גיטל שעכטער־וויסוואַנאַט. יידיש שפּראַכיקער רעסורסן־צענטער ביי דער יידיש־ליגע. ניו־יאָרק, 1991.

דיסקוסיעס וועגן איינצלנע יידישע טערמינען פון אַ גוטן יידיש.

דער מחבר גייט אַרויס פון דער מסקנה אַז מע מוז תמיד זיך באַמיען צו רעדן וואָס בעסער, שענער און ריכטיקער די טאָגטעגלעכע שפּראַך.

זיין שטאַרק דיסקוטירט בוך "לייטיש מאַמע־לשון", אָבסערוואַציעס און רעקאָמאַנדאַציעס (ניו־יאָרק, יידיש־ליגע, 1986) האָט אַרויסגערופן אַ שטאַרקן אינטערעס און אַ גרויסן ניץ. קיינער פון אונדז לערערס און תלמידים, שרייבערס און לייענערס, דאַרפן זיך נישט שעמען צו לערנען פון דאָרט. דער טרעגער פון דער נאָבל־פּרעמיע י. זינגער־באַשעוויס שרייבט, אַז ער האָט געהאַט וואָס צו לערנען פון "לייטיש מאַמע־לשון", מעגן אַלע וואָס האָבן (נאָך נישט?) באַקומען אַ פּרעמיע, זיך נישט שעמען צו לערנען. דער פּרק ווייַזט אונדז, אַז אַן אמתער חכם איז דער, וואָס לערנט פון יעדן, אפשיטא שוין פון אַזאַ מומחה.

מיט רעכט ווערט איצט מ. שעכטער דערקענט ווי אַ פּוסק אחרון אין נאָרמאַטיווע ענינים פון אַ לעבעדיק יידיש לשון, דאָס באַטייט נישט, אַז יעדער איינער מוז אָננעמען אַלע שעכטערס פּירליגן. אָבער פאַרטראַכטן זיך אין יעדן ענין מוז מען. ער לאָזט נישט שלאָפן!

וועלעכע זענען די עיקרים פון שעכטערס אני מאמין? וואָס ווייַטער פון דייַטש (די סכנה פון דייטשמעריזמען), וואָס נעענטער צום היימישן האָב־און־גוטס (פאַרוואָרצלטקייט אין פאָלקלאָרישער שאַפערישקייט), און, ווען מע מוז, אינטערנאַציאָנאַליזמען (פון לאַטיין און גריכיש, וואָס דינען אויך אין ראָמאַנישע און גערמאַנישע שפּראַכן).

פון שעכטערס לערערישער אַרבעט איז אַרויסגעוואַקסן אויך דאָס לערנביכל "יידיש צוויי" אַן המשך, אַן אייגענער, פון דעם פּרי פאַרשטאָרבענעמס אוריאל וויינרייכס ערשט לערנביכל "קאָלעדזש־יידיש". שעכטערס בוך איז אַרויס אין פילאַדעלפיע אין יאָר 1986. צוויי יאָר שפּעטער האָט די יידיש־ליגע אַרויסגעגבן אַ ווערטערביכל ענגליש־יידיש "אַקאַדעמישע טערמינאָלאָגיע".

איצט ליגט אויף מיין טיש די געדרוקטע עדיציע (אַ פאַרבעסערטע לגבי דער ערשטער העקטאָגראַפישער) פון ענגליש־יידיש ווערטערביכל וועגן "טראָגן, האָבן און ברענגט אַן אַריינפיר און דערקלערונגען אויף 65 זייַטן. אָט זענען די טיטלען פון זיין פריייקע קינדער־יאָרן, אַרויסגעבער "יידיש־ליגע", ניו־יאָרק, 1991. דער יידישער טייל "אַ וואָרט פריער": דער אַדרעסאַט פונעם ווערטערביכל; די מקורים; מחברשער און רעדאַקציאָנעלער דין וחשבון;אַרומנעם און אָפּקלייב. דער ענגלישער טייל און דאָס ווערטערביכל גופא פאַרנעמען 155 זז. די אַרבעט איז באַשטימט פאַרן געוויינטלעכן יידישן מענטשן, וואָס וויל פאַרבעסערן זיין היימיש לשון, פאַר יונגע פאָרלעך, וואָס לערנען זיך צו רעדן אַ לייטיש יידיש, נישט ווייניק ניצן וועט דערפון האָבן דער פון־מענטש, דער עסקן, דער רעדנער, דער פאָרשער.

דער מחבר האָט אויסגעפאָרשט 140 ביכער און אַרטיקלען אין זשורנאַלן פון אַלע צייַטן און געזאַמלט ידיעות פון גוטע יידיש־רעדערס פון גאַר דער וועלט. האָט זיך טאַקע באַקומען אַ גאַר געראָטן ספר פון אַ באמת וויסנשאַפטלעכן, און פּראַקטישן באַטייַט. נישט ווייניק אינטערעסאַנט און באַלערעוודיק זענען דעם מחברס אָפּקלייב־קריטעריעס:

ישראל גובקין

# שורות וועגן אַן אַקטועלער טעמע

אין "פֿאָרווערטס" (סעפּטעמבער-אָקטאָבער 1991) האָט זיך געדרוקט אַ "פֿריינדלעכע" דעבאַטע צווישן די שרייבערס אברהם שולמאַן און יוסף מלאָטעק וועגן שולמאַנס דריי אַרטיקלען "ווי אַזוי צו ראַטעווען די יידישע ליטעראַטור". זיין רפואה צו דער דראָענדיקער סכנה פון אונטערגאַנג פון דער יידישער ליטעראַטור איז צו שאַפן אַ נייע "סעפּטואַגינטאַ" דורך אַ באַלדיקער מאַסאָווער איבערזעצונג פון דער ליטעראַטור אויף... ענגליש. ער געוואַלדעוועט וואָס סע ווערט גאָרניט געטאָן וועגן דעם און די גלייכגילטיקייט, וואָס הערשט צו דער אָנגעווייטיקטער פראַגע אַפילו צווישן יידישע פען-מענטשן.

יוסף מלאָטעק האַלט, אַז מע זעצט שוין איבער יידישע שרייבערס. שולמאַן פרעגט אים אָפּ: "וויפל שורות האָט מען שוין איבערגעזעצט פון מענדעלען? ווער וועט אַ מאָל וויסן וועגן אלחנן וואָגלער? וועגן פינף אָדער זעקס הונדערט אַנדערע?"

די רעדאַקציע פון "פֿאָרווערטס" רעאַגירט אויף דעם וויכוח בזה הלשון: "מיר האָבן באַקומען אַ צאָל לענגערע אָפּרופן – ממש אַרטיקלען – וועגן זעלביקן. מחמת כמה סיבות מוזן מיר דערווייל אָפּשטעלן די אַמפּערניש" ("פֿאָרווערטס" 10/25/91).

די רעדאַקציע גיט ניט אָן וואָס זענען די סיבות, וואָס דערלאָזן ניט אַן אַלזייטיקן אויסטויש פון מיינונגען, און די "אַמפּערניש" בלייבט הענגען אין דער לופט.

די שטעלונג פון די דריי צדדים איז קלאָר. הכל מודין, אַז די יידישע ליטעראַטור איז אין סכנה פון שיכחה. שולמאַן שרייט קאַראַול! ראַטעוועט! מלאָטעק האַלט, אַז מע זעצט שוין איבער, און די רעדאַקציע האָט אַ באַלדיקע רפואה – זי שטעלט אָפּ די "אַמפּערניש". דאָס דערמאָנט וואָס מע זאָגט וועגן שטרויס-פויגל – כדי זיך צו ראַטעווען פון זיינע פאַרפֿאַלגנדיקע שונאים, שטעקט ער אַריין דעם קאָפּ אין זאַמד, און די סכנה איז פאַרשוווּנדן...

דער אמת איז – ווי ביאַליק האָט געזאָגט – אַז איבערזעצונגען בכלל, מיט גאָר ווייניק קינסטלערישע איבערשאַפונגען, זענען געגליכן צו קושן אַ געליבטן אָדער אַ געליבטער דורך אַ נאָז-טיכל; און דאָס איז געוואָרן גערעדט וועגן איבערזעצונגען פון

---

אַ. פאַרוואָרצלטקייט פון אַ טערמין. ב. זיין אָנגענומענקייט. ג. זיין הייַנטיקייט. ד. זיין ספּעציפֿישקייט. ה. פֿאָלקספּראַכיקייט, "דאָס פשוט פֿאָלקישע איז ביי אונדז בילעכער פונעם וואָרט "וואָס יעדער קען". ו. "אַ קורצער טערמין איז בילעכער פון אַ לענגערן". ז. אויב מיגלעך זאָל מען פונעם וואָרט זיך קענען אָנשטויסן אויפן באַטייט. ח. פּרעציזיקייט. ט. שעכטער ברענגט אַ ריי מוסטערן לויט וועלכע מע קען זען ווי שווער און קאָמפּליצירט זיין אַרבעט איז געווען, אַפילו ווען ער האָט זיך געהאַלטן אַן עצה מיט אַנדערע. "...אָבער די לעצטע החלטה האָט אָנגענומען..." דער מחבר אַליין.

פּראָפ. דר. מרדכי שעכטער איז אַ וואָגיקער טעאָרעטיקער אין לינגוויסטיק און אַ רעאַלער, רירעוודיקער פּראַקטיקער. ער וויל אַ לעבעדיק יידיש, אַ לייטישס און זיין גאַנצע לעבנס-אַרבעט איז דערויף געצילט. ווילט זיך טאַקע דערלעבן זיינע ווייטערדיקע אַרבעטן. ביז וואָס, ווער, ווען קומט אים אַ יישר כוח פונעם גאַנצן האַרצן.

אין יידישער שפּראַך אויף דער אַנדערער – פון יידיש אויף העברעיש אָדער פאַרקערט – ביידע שפּראַכן פון איין פאָלק, מיט אַ נאָענטער קרובהשאַפט און טראַדיציאָנעלן הינטערגרונט און במילא אין אידיאָמאַטיק. אפשיטא איבערזעצונגען פון יידיש אויף ענגליש, וואָס זענען ווייט איינע פון דער אַנדערער אין טראַדיציע און שייכותן.

אדרבא, לאָז אימיצער איבערזעצן מענדעלעס אידיאָמאַטישן יידיש אויף ענגליש. ס'עט האָבן אַ טעם פון חלשות. לייענט דאָס ביסל וואָס איז שוין פאַראַן און איר ט'זיך איבערצייגן. כ'האָב ניט פאַר זיך דעם מקור, אָבער אויף לאַטייניש איז דאָ אַ ריכטיק וואָרט פאַר דעם: איבערזעצונג איז מאָרד.

***

מיר שיינט, אַז כדי צו פאַרהיטן די יידישע ליטעראַטור פון שיכחה און אונטערגאַנג זענען ביי איצטיקער צייט, כוחות און אומשטענדן פאַראַן צוויי וועגן: אַ) דערמוטיקן דעם יידיש־לימוד אין די אוניווערסיטעטן, ווי סע ווערט שוין טיילווייז געטאָן, דורך סטיפּענדיעס און אויפקלערונג, ווי אויך דורך די זומער־סעמינאַרן, ווי אָקספאָרד א.ד.ג. ב) אונטערנעמען אַ באַלדיקע איבערזעצונג פון דער יידישער ליטעראַטור אויף העברעיש פאַר די לייענער אין מדינת ישראל. דאָרט זענען פאַראַן, אָן גומא, צענדליקער טויזנטער יידן, יונג און אַלט, וואָס קויפן און לייענען טאַקע ביכער פון כל המינים, אָריגינעל געשריבענע אויף העברעיש און תרגומים פון אַ סך שפּראַכן.

אוודאי, סע וואָלט געווען אַ סך בעסער ווען יידיש וואָלט דאָרט געהאַט אַ בעסערע מערכה, און די יידישע ליטעראַטור וואָלט דאָרט געלייענט געוואָרן אין אָריגינאַל, אָבער בלית־ברירה לאָמיר זיי געבן אַ געלעגנהייט צו לייענען גוטע יידישע ביכער אויף העברעיש. דאָס וועט זיין אַ געווינס פאַרן פּרעסטיזש פון יידיש בכלל און אויך פאַרן "פּינטעלע ייד", וואָס פעלט אין די פרעמדע ליטעראַטורן וואָס זיי לייענען; דאָס "פּינטעלע" וואָס פעלט אָפט, צום באַדויערן, אויך, אין אַ געוויסער מאָס, אין דער דאָרטיקער העברעישער ליטעראַטור און זשורנאַליסטיק...

געווען אַ צייט, אין די פערציקער און פופציקער יאָרן, ווען מע פלעגט איבערזעצן פון דער ישראלדיקער העברעישער ליטעראַטור אויף יידיש – רחלס לידער, למשל, איבערזעצט דורכן נשיא פון ישראל, זלמן שזר (רובאַשאָוו); אַן אָפּקלייב פון יוסף חיים ברענערס כתבים, איבערזעצט דורך אַ קאָלעגיע, רעדאַקטירט פון שלמה גראָדזענסקי, מיטרעדאַקטאָר פון "קעמפער", און אַנדערע איבערזעצונגען. איצט, ווייזט אויס, איז געקומען די גורלדיקע צייט אין יידישן שאַפן צו פאַרקערן דעם פּראָצעס און געבן דעם ישראלדיקן לייענער די פּערל פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַ העברעישן לבוש, און די יידישע ליטעראַטור וועט לעבן אויף ה ע ב ר ע י ש.

אגב, ס'איז כדאי דאָ צו דערמאָנען דאָס ענציקלאָפּעדיש ווערק אויף יידיש "ספר ליטע", וואָס דער באַקאַנטער ביבליאָגראַף און ליטעראַטור־פאָרשער, בערל כהן, האָט מיט אייגענע כוחות, אין משך פון אַכט יאָר צוזאַמענגעשטעלט. עס איז אַ וויכטיק היסטאָריש ספר לדורות אויף י י ד י ש, אין דער צייט ווען מע האַלט אין געוואַלדעווען אויף דער יידישער גאַס, אַז אָט־אָט און ס'איז אויס יידיש און אויס יידישע ליטעראַטור. ס'איז אַ ספר וואָס דאַרף זיך געפינען אויף דער ביכער־פּאָליצע אין יעדער יידישער היים, ווו יידיש לעבט, און אַזעלכע היימען זענען נאָך פאַראַן.

דעם מחבר קומט אַ האַרציקער יישר־כוח פאַר זיין אַקאַדעמישער אונטערנעמערישקייט אין אַזאַ שווערער צייט פאַרן יידישן וואָרט.

# אָנגעקומען אין רעדאַקציע

ש א ו ל ג י נ ז ב ו ר ג * פ ס ח מ אַ ר ע ק: "יידישע פֿאָלקסלידער אין רוסלאַנד", פֿאָטאָסטאַט פֿון דער פּעטערבורג־אויסגאַבע אין 1901, פֿאַרלאַג פֿון בר־אילן אוניווערסיטעט, רמת־גן. רעדאַקציע, אַריינפֿיר און באַמערקונגען – דב נוי. געדרוקט אין ירושלים 1991. אינעם בוך געפֿינען זיך 376 פֿאָלקסלידער, איינגעטיילט אין פֿאַלגנדיקע גרופּן: רעליגיעזע; נאַציאָנאַלע און יום־טוב לידער; היסטאָרישע לידער; וויגלידער; קינדער און חדר־לידער; ליבע־לידער; חתן כלה־לידער; חתונה־לידער; פֿאַמיליע־לידער; לעבנשטייגערישע לידער; סאָלדאַטן־לידער; פֿאַרשיידענע לידער.

אינעם אַריינפֿיר צום בוך, וואָס איז דערשינען 90 יאָר נאָך דער אָריגינעלער ערשטער איסגאַבע, שרייבט פּראָפֿ. דב נוי צוו. אַנד.: "די זאַמלונג שטעלט מיט זיך פֿאָר אין אונדזער ליטעראַטור די ערשטע וואָגיקע פּובליקאַציע, וועלכע שטיצט זיך אויף אַ קאָלעקטיוון פּראָיעקט. אין דעם דאָזיקן פּראָיעקט האָבן זיך באַטייליקט ניט נאָר צוויי רעדאַקטאָרן־מחברים (און דאָס אַליין איז לויבווערדיק, ווייל אויך בשותפֿותדיקע ביכער זענען כמעט ניט פֿאַראַן ביי אונדז), נאָר אויך צענדליקער זאַמלער, וועלכע זענען אַקטיוויזירט געוואָרן דורך די מחברים. אַלע האָבן צוגעטראָגן צו דער הצלחה פֿונעם בוך – דעם פּועל יוצא פֿון דער זאַמל־אַרבעט".

די הערות, דערקלערונגען און זוכצעטלען, ווי אויך די יידישע איבערזעצונג (לילאַ האָלצמאַן) פֿון דער אָריגינעלער רוסישער הקדמה (30 זייטן) פֿאַרוואַנדלען דאָס בוך אין אַן אַקאַדעמישער אויסגאַבע, נוצלעך צום לערנען און שטודירן, אָבער אויך אין אַ גוטן, אינטערעסאַנטן לייען־מאַטעריאַל פֿאַרן ליבהאָבער פֿון יידישן פֿאָלקסליד. עס איז ממש אַ צירונג, וואָס דערמאָנט אין אונדזער רייכער יידיש־קולטור פֿאַרגאַנגענהייט.

***

מ ר ד כ י ש ע כ ט ע ר: "טראָגן, האָבן און פֿרייִקע קינדער־יאָרן". אַן ענגליש־יידיש ווערטערביכל. 156 זז' מיט אַ גרעסערן "וואָרט פֿריער" פֿונעם מחבר (20 זז'). יידיש־שפּראַכיקער רעסורסן־צענטער ביי דער יידיש־ליגע, ניו־יאָרק, 1991. גענויער וועגן דעם בוך, זע אין דער רעצענזיע פֿון י. קאַראַ, זייט 76.

***

מ ש ה ש ו ל ש ט י י ן: "סוד און כוונה", לידער, 78 זז', פּאַריז 1991. דאָס בוך איז דערשינען צו דער צענטער יאָרצייט פֿונעם באַוווסטן דיכטער, אַדאַנק די באַמיונגען פֿון זיין אלמנה מילכה שולשטיין.

אין זיין פֿאָררעדע צום בוך שרייבט דער באַקאַנטער פֿראַנצויזישער פּאָעט, איבערזעצער פֿון יידישער דיכטונג, שאַרל דאָבזשינסקי: "געדיכטע פּערזון־זאַגנגען, גאַרבן־לידער: אָט איז משה שולשטיינס לעצטער שניט, אַן עזבון־שניט. און דאָך זענען דאָס לידער וואָס פּוליסרן, וואָס אָטעמען. לעבעדיקע אָדערן, אָפֿענע אָדערן. מאָדנע קלינגט זייער נאָמען. ס ו ד א ו ן כ ו ו נ ה. דער זינען דערפֿון איז, אַז ווי דער פּאָעט זאָל צו אונדז נישט רעדן – היימישלעך צי מיט רעטענישן – האָט ער פֿאַר אונדז עפּעס אַן אָנזאָג, אַן אַנטפּלעקונג, אַפֿילו ווען זיין כוונה בלייבט פֿאַרבאַהאַלטן".

טרעפֿלעכער וועגן משה שולשטיינס דיכטונג קאָן, דאַכט זיך, נישט געזאָגט ווערן. אַ

# כראָניק פון ל.א. יידישן קולטור־קלוב

דער היגער יידישער קולטור־קלוב וועלכער עקזיסטירט שוין איבער 65 יאָר אָן איבעררייס און איז ברייט באַקאַנט איבער דער יידישער קולטור־וועלט מיט זיינע ליטעראַרישע און מוזיקאַלישע פּראָגראַמען, האָט ווי אַלע יאָר, אָנגעהויבן זיינע פּראָגראַמען פאַר 1991/92 גלייך נאָך סוכות.

מוצאי שבת, אָקטאָבער 5, 1991, צו דער דערעפענונג זיינען געקומען געסט פון אַרגענטינע, יעקב דענקער און דבורה ווינדלער, וועלכע האָבן געגעבן אַ פאַרשידנאַרטיקן פּראָגראַם פון אייננאַקטערס, רעציטאַציעס און געזאַנג.

מוצאי שבת, אָקט. 12, האָט אונדזער פּאַרזיצערין לילקע מייזנער רעפערירט וועגן יצחק באַשעוויס און זיין שאַפן. מוזיק: פסח מאַלעוויץ, פּיאַנאָ.

מוצאי שבת, אָקט. 19, מאַרטאַן שטיינמאַן, אַן אַמעריקאַנער געבוירענער, האָט גערעדט אויף דער טעמע: וואָס בינדט מיך מיט דער ייד. ליטעראַטור און קולטור.

מוצאי שבת, נאָוועמבער 2, דער פיינער רעציטאַטאָר יעקב לעווין איז אויפגעטראָטן אין אַ פּראָגראַם פון שלום עליכם: לאַכן איז געזונט.

מוצאי שבת, נאָוו. 9, יעקב באַסנער האָט פאָרגעלייענט "די נאָדל" פון יצחק באַשעוויס. געזאַנג איזאַבעל קעץ, באַגלייט אויף דער פּיאַנאָ פון רעגינא ראַטמאַן.

מוצאי שבת, נאָוו. 16, הערשל סלוצקי האָט דערציילט וועגן די רעאַקציאָנערע ווינטן אין די הויכע לערן־אַנשטאַלטן אין אַמעריקע.

---

באַשטעטיקונג דערויף איז דאָס ליד מיט וועלכן עס עפנט זיך דאָס בוך "וואָרט מיינס"... שרייבט דער דיכטער:

ווי פון טיפענישן פון דער ערד
רייסט מען, גראָבט מען אוצרות גאַנצע – אַרץ,
האָסטו יאָרן־לאַנג אַזוי, מיין פען,
ווערטער אויסגעגראָבן פון מיין האַרץ.

אויסגעלייגט ווי דימענטן אויף פּליוש
האָסטו אַלע וואָס איך האָב פאַרמאָגט,
נאָר פון אַלע ס'בעסטע וואָס מיר בלייבט
איז דאָס וואָרט וואָס איך האָב נישט דערזאָגט.

***

"די גאָלדענע קייט", פערטליאָר־שריפט פאַר ליטעראַטור און געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען, נומ. 132. תל־אביב 1991. רעדאַקטאָר: אברהם סוצקעווער, רעדאַקציע־סעקרעטאַר: אַלכסנדר שפּיגלבלאַט.

***

דור לדור – The Jewish Biblie Quaterly, *Dor LeDor*
Jerusalem, Winter 1991/92

מוצאי שבת, נאָוו. 23, דער פּאָעט חיים שוואַרץ האָט רעפערירט וועגן שאַפן פון פּאָעט יעקב גלאַדשטיין.

מוצאי שבת, נאָוו. 30, טרויער־אָוונט צו דער ערשטער יאָרצייט נאָך אונדזער פאַרשטאָרבענעם פּאָרזיציער משה כהן.

מוצאי שבת, דעצעמבער 7, אַ חנוכה־אָוונט מיט פּאָרלעזונגען פון מאָטל האַראָוויץ.

מוצאי שבת, דעצ. 14, דער באַקאַנטער געזעלשאַפטלעכער טוער בערנאַרד ווייסבערג, זיין טעמע: ישראל אויפן שוועל פון 1992.

מוצאי שבת, דעצ. 21, אַ גאַסט פון מעקסיקע, די קולטור־טוערין מאַיאַ ווייספעלד־אייזן, האָט דערציילט וועגן דער אינקוויזיציע אין מעקסיע.

מוצאי שבת, דעצ. 28, ווידער אַ גאַסט, דאָס מאָל פון ישראל. דב נוי, דער גוט באַקאַנטער פּאָלקלאָריסט, פּראָפעסאָר פון ירושלימער אוניווערסיטעט, האָט רעפערירט וועגן יידיש אין נייעם רוסלאַנד.

1992

מוצאי שבת, יאַנואַר 4, ד"ר. דזשאַנעט האַדאַ האָט רעפערירט וועגן איציק מאַנגער און זיינע ווערק. ביי דער פּיאַנאָ פּסח מאַלעוויץ.

מוצאי שבת, יאַנואַר 11, די גוט באַקאַנטע אַקטריסע פון פילאַדעלפיע, חיהלע אַש האָט רעפערירט אויף דער טעמע: משלים ביי יידן.

מוצאי שבת, יאַנואַר 18, לילקע מייזנער האָט רעפערירט וועגן ז. סעגאַלאָוויטש, דעם דיכטער און מקונן.

מוצאי שבת, יאַנ. 25, גאָלדע קאַהן וועלכע האָט באַזוכט דעם יערלעכן יידיש־סעמינאַר אין אָקספאָרד אוניווערסיטעט, האָט אָפגעגעבן אַ באַריכט וועגן סעמינאַר און זיינע אָנפירער.

מוצאי שבת, פעברואַר 1, מלכה שאָר רעפערירט וועגן יידישן פאָלקסליד, מיט מוזיקאַלישע אילוסטראַציעס אויף דער פּיאַנאָ.

מוצאי שבת, פעברואַר 8, באַשע וואַנאַמייקער, די באַקאַנטע פּאָרלייענערין, האָט געלייענט פון די ווערק פון דער שרייבערין לילי בערגער.

מוצאי שבת, פעב. 15, גאַסט־רעדנער – דער באַקאַנטער שרייבער מיכאַל מירסקי, זיין טעמע: פּראָבלעמען פון ליטעראַטור און קריטיק. מוזיק, איזאַבעל קעץ, געזאַנג. פּיאַנאָ, רעגינאַ ראַטמאַן.

מוצאי שבת, פעב. 22, משה שקליאַר רעפערירט אויף דער טעמע: דער פּאָעט משה שולשטיין – ליריקער און בונטאַר.

**יעקב שייפער**

פאַרן אינהאַלט פון די אַרטיקלען זענען פאַראַנטוואָרטלעך די מחברים אליין.